STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01339

GELD LIEBE UN SHANDE

Isaac Zolotarevsky

Permanent preservation of this book was made possible
by David & Goldie Blanksteen
in memory of
Lena Weinberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. זאלאטערעווסקי.

געלד ליעבע
און
שאנדע

פיעסע אין 4 אקטען

פארלאג „רעקארד"

1923 . ווארשא

פערזאָנען:

חוה ליעבהערץ	אַלמנה	50 יאָהר
אַלבערט	איהר זוהן	21 „
סאָניע	אַ דינסט	19 „
ירוחם	איהר פאָטער	48 „
בענדער	אַנ'אַריסקאָקראַט	45 „
סיסיליע	זיין טאָכטער	23 „
הערי	אַ שאָפער	20 „
חיריק	אַ שדכן, חזן א. צ. וו.	40 „
פאַליסמען	דאָקטאָר	

אָרט: נוי-יאָרק

צייט: געגענוואַרט.

ערשטער אַקט.

אַ שעהן צימער ביי ליעבהערץ. ווען דער פאָרהאַנג געהט-אויף הערט מען סאָניען זינגען אונטער די קוליסען).

חיריק, חוה

חיריק: אַ טייער קעלכיל האָט אייער דיענסט-מעדעל, זינגט מיט געפיהל און מיט טאַקט. אַ טייער מעדעל. אוי, וואָלט זי מיר צו-בין געקומען אין מיין כאָר. הכלל, וואָזשע זאָגט איהר מכוח דעם שידוך מיט מ״ר בענדער׳ס טאָכטער? פערגעסט נישט, אַ יוד אַ עושר; אַ קליינינקייט, אַ ווירט פון אַזוי פיעל הייזער, 2 פאַבריקען, און זיין טאָכטער אַ ליידי, אָהן עין הרע. איך זאָג אייך, אייער זוהן וועט אַריין פאַלען אין אַ שמאַלץ-גרוב. 10 טויזענד דאָלאַר גיעט ער נדן און אויך אַ גמילת חסד, אַ טובה, איך זאָג אייך אַ יוד מיט׳ן פולען מויל; איי, דער יחוס? ווער קוקט היינט אויף יחוס? דער דאָלאַר איז דער גרעסטער יחוס, יאָ, דער דאָלאַר.

חוה: ~~יאָ, דער דאָלאַר~~, דער דאָלאַר איז דער גרעסטער שונא: ווער האט זיך געקענט פארשטעלען אין רוסלאנד אז בערעל בענדער וועט וואגען פארצולעגען זיך משדך צו זיין מיט אונזער משפחה?

חירק: פערגעסט נישט אלע וועקסלען און היפאטעקען וואס ער האט אויף אייער הויז גיעט ער אייך אָב אָהן אַ מענט.

חוה: עס איז אלעס רעכט. איך וואלט שוין איינגעבויגען דעם קאפ, איך ווייס אבער נישט, אויב מיין זוהן וועט איינוויליגען אויף דעם שידוך.

חירק: וואס הייסט, ער וועט נישט וועלען? וואזשע איהר האט עס נישט פערדיענט ביי איהם? אלע אייערע יאהרען האט איהר שווער און ביטער געהארעוועט, איהם געשיקט שטודירען נישט ווי אנדערע אלמנות שיקען זייע־ע קינדער ארבייטען און וויעדער, נו, ער האט דאך שוין גענדיגט דעם קאלעדזש, ער וועט שוין ווערען אַ אַדוואָקאַט, איז וואס? ווייסט איהר, אז אין אמעריקע, היינטיגע, צייטען איז א ארבייטער מעהר מציאה פאר א שדכן ווי א אדוואקאט. א ארבייטער קען ווענינגסטענס געבען ברויט און א אדוואקאט גיעט דעם וויב דעם טויט. צעהן טויזענד דאלאר נדן, מען עפענט א קאנצעלאריע און א שווער מיט א גרויסען בייטעל, ווערט מען א גרויסער אדוואקאט און מען ווערט א מענש, נישקשה, נישקשה, אייער זוהן לאזט איבער אויף מיר, ער איז אַן אמעריקאנער בויטשיק וואס האט אלע זיינע יאהרען געלעבט א גוטען טאג אויף דער מאמעס חשבון, וואס האט זיין גאנץ לעבען זיין האנד אין קאלטען וואסער נישט איינגעטונקען, ער וועט נישט וועלען זיך מוטשען א לעבען צו מאכען. וואס האב איך זיך געוואלט פרעגען? איהר דענקט אז ער וועט באלד א היים קומען? וויל דער מחותן מיט דער כלה וועלען דא באלד זיין.

חוה: שוין אזוי גיך? איהר ווייסט דאך נישט בעשטימט.

חירק: מיסיס ליעבהערץ! איך בין דאך עפעס א לאנדסמאן כמעט א קרוב, און איך ווייס אין וואס פאר א לאגע איהר געפינט זיך יעצט, און איך ווייס אז מען רעדט מ״ר בענדער׳ס טאכטער שידוכים מיט מיליאנערען, נאר ער האט געהארפען אנ׳אויג אויף אייער זוהן, און אז ער ווארפט אנ׳אויג אויף עמיצען מעג עס איהם קאסטען וויפיעל עס איז און זיינס

פיהרט ער אויס. אייער זוהן געפעלט איהם פאר א איידעם און איהר פאר א מחותנת׳טע. פאלגט מיך זיי וועלען דא באלד אהער קומען, מאכט קיין טענות און שלאגט צו, נעמט אב אלע וועקסלען אויף אייער הויז, מאכט זיך און אלבערט׳ן גליקליך.

חוה: ביין מ״ר חיריק, איך וועל גאר נישט טהון ביז איך וועל מיך אנפרעגען ביי מיין זוהן. עס איז אמת, איך האב אלע מיינע בעסטע יאהרען פערלוירען צוליעב איהם, צוליעב זיין גליק און איך מוז זיכער זיין אז איך ברענג איהם יעצט נישט קיין אומגליק. א יונגערמאן, אפשר ליעבט ער גאר עמיצען, ווער ווייסט? מען האט איהם שוין אייניגע שידוכים גערעדט און ער האט ענטזאגט.

חיריק: אזוי גאר? אויב אזוי איז גאר אנ׳אנדערע געשיכטע געהט ער מיט עמיצען?...

חוה: איך גלויב אז ניין. (מ׳הערט סאניען זינגען)

חיריק: אהא, אייער דיענסט-מעדעל זינגט שוין ווידער, א קאנא, ריקעל, זאל איך אזוי לעבען, (בעגלייט איהר) עה... איהר ווייסט וואס איך וועל אייך זאגען, ווען איך האב אזא זוהנ-דעלע ווי איהר האט, וואלט איך אזא שעהן מעדעל ביי מיר פאר קיין דיענסט נישט געהאלטען.

חוה: אך, וואס רעדט איהר? זי איז אנ׳עהרליך, פרום מעדעל.

חיריק: קען זיין, איך זאג נאר, אז איך וואלט מיין זוהן נישט געוואלט ברענגען צו אזא נסיון, אזא שעהן מעדעל אין הויז איז א יצר-הרע. איהר הערט, יענע וואך האט מיר אזא יצר-הרע אנגעפייפט אין א גרויסען שידוך, איך האב גערעדט א שידוך א מיליאנער׳ס א זוהן מיט א מיליאנערקע, נו, נו האט זיך מישב געווען דאס דיענסט-מעדעל און האט חתונה געהאט מיט דעם מיליאנער׳ס זוהן.

חוה: זי אזי נישט אזא סארט מיידעל, זי איז נאך א גרינע, ערשט 10 מאנאט אין לאנד, און זי האט נאך גאר קיין שכל אויף אזעלכע זאכען, זי איז שטיל ווי א טויב און גוט ווי א מלאך.

חיריק: שטילע וואסער גראבען טיעף.

חוה: אה, ניין, נישט זי, איך קען איהר פאטער.

חיריק: א לאנדסמאן?

חוה: יא, איהר דארפט איהם קענען, ירוחם עדעלמאן.

חיריק: ירוחם עדעלמאן? ער איז דאך אין דער היים געווען א בעל-הבית אנ'עושר.

חוה: די אונרוהען האבען איהם פעראומגליקט: זיין פרוי האבען זיי דער'הרג'עט און איהם בערויבט. ער איז אהער געקומען קיין אמעריקע מיט זיינע קינדער, זי, סאניטשקע, איז די עלטסטע ביי איהם, דא האט מען זיי געוואלט צוריק שיקען. נאך א גליק וואס איך בין דאמאלסט מיט נאך איינינע לײדיס געווען דארט, מיר האבען איהם מיט זיינע קינדער ארויסגענומען. זי, סאניטשקען, האב איך צו מיר גענומען, און איהם האט מען פערשאפט ארבייט אין א שאפ.

חיריק: ירוחם עדעלמאן אין א שאפ!... א קלאג צו קאלאמבוסען... הכלל, וואס זאגט איהר? עס ווערט שפעט, מ"ר בענדער מיט זיין טאָכטער קענען יעדע מינוט אנקומען. (מ'קלינגט) אָ, דאס מוזען זיי שוין זיין, (עפענט) אָ, דאס איז ער אליין, דער מחותן, אהער מ"ר בענדער.

בענדער

בענדער: א גוד איווניג, הא די יודו מיסעס ליעפהערץ.

חוה: א גוד איווניג, קומט נעהנטער מ"ר פענדער.

בענדער: פליס איזוויניטע, נישט פענדער, נאר מ"ר בענדער.

חוה: ביטע, זיצט מ"ר בענדער.

בענדער: אלרייט. (זיצט) וועל חזן האט איהר איבערגעגעבען די ביזנעס?

חיריק: אה, יא!

בענדער: איים אלרייט, מען קען מיך, מען ווייסט ווער איך בין, וועל איך האב פיינד א סך צו טענה'ען... ביי מיר איז פאָ רוסקו, הארי אפ, אדנים סלאוואם, ארויף און אראפ און געצעטעלט די ביזנעס.

חירק: וואָס האָט איהר זיך צורעדט אין מיצקע דערינען? וואָס מיינט איהר, אַז איהר האָט דאָ צו טהון מיט אייער'ס גלייכען?
בענדער: וועל וואָס הערט זיך? איך האָב מיך פיינד לאַנג צו באַנדערען.
חירק: עס וועט זיין אָלרייט.
בענדער: וועל מיסיס ליעבהערץ, איהר ווייסט שוין געוויס הכל בכל מכל פלעקיל, איהר וועט זעהן וואָס פאַר אַ שטיק סחורה דאָס איז, אַמויד, פונקט ווי דער טאַטע, זי וועט אייך געפעלען און אויב אייער זוהן איז אַ מבין אויף אַנטיקלעך... זי איז אַ פייער פלאַם, דאָס וואָס אַ מאַן האָט ליעב... עס איז אַלעס דאָ... דעטס אָלרייט.
חירק: אַנ'אַמעריקאַנער מויד מיט אַלע מעלות.
בענדער: זי איז ביי מיר איינע, איהר פערשטעהט? מיר געפעלט אייער זוהן פאַר אַנ'איידעם, ער איז אַ בויטשיק וואָס וויל... מיין טאָכטער וועט איהם געפעלען, ווי איז ער ערגעץ דער קנאַקער?
חוה: ווער?
חירק (שטיל): וואָס פאַר אַ קנאַקער? עה, מ"ר בענדער מיינט אייער זוהן.
חוה: ער וועט געוויס באַלד קומען.
בענדער: האט ער שוין בעקומען די פלאמבע?
חוה: די וואס?
חירק: מ"ר בענדער מיינט די פלאמבע אויף אַנ'אדוואקאט.
חוה: אה, איהר מיינט די דיפלאמע? יא...
בענדער: אלרייט, איך האב שוין א דזשאב פאר איהם, איך דארף ארויסוואַרפען אהאלב טוץ קבצנים פון מיין הויז.
חירק (שטיל): ווער דארף דאס ויסען?
בענדער: אלע זאלען וויסען, אז מיט בארני בענדער טאר מען קיין סך ביזנעס נישט מאכען, איך האב פיינד א סך צו רעדען, ביי מ"ר איז פאַ אַמעריקאַנסקי, האַרי אפ אדנים סלאַ־ וואם, מוף מוף און אַלרייט.
חירק (אפארט): מ׳בעט זאָלסטו שוין אויף יענער וועלט.

ב ע נ ד ע ר: אזא חוצפה פון קבצנים, איך רייס זיי נישט מעהר ווי צו 4 דאָלאר אויף דעם מאנאט. און זיי מאכען א שטרייק און ווילען גאר נישט צאהלען, וואס זאגט איהר האב איך רעכט?

ח י ר י ק: רעכט, גערעכט, (אפארט) אזוי גערעכט זאל ער קומען אויף יענער וועלט, טאטע געטרייער.

ב ע נ ד ע ר: אזא חוצפה פון קבצנים, וועל. יעצט לא׳מיר רעדען וועגען ערענסטע זאכען, נאך די תנאים פון איך איהם אויס א קאנצעלאריע אויף בראדוויי און ער פאהרט אין מיין טאכ־טער׳ס אויטאמאָביל ווי א פרינץ, 10.000 דאלאר נדן פאר דער חופה, און נאך דער חופה, אז ער וועט זיין א מאלא־דיעץ, גיעב איך איהם אלע וועקסלען וואָס איך האב אויף אייער הויז, מיין טאכטער איז מיר ליעב און טייער, און פאר איהר גליק לעג איך אפילו אן מיט מיין קאפ.

ח י ר י ק (שטיל): הלוואי רבש״ע.

ב ע נ ד ע ר: זי איז 2 טראפענס פון איהר מאמען, זי איז שוין נישט קיין בתולה.

ח י ר י ק: וואס רעדט איהר, וואס?...

ב ע נ ד ע ר: איך ווייס וואס איך רעד, זי איז א מויד פון א יאהר 23 אדער 24 אדער אפשר 25 - 26 אין די רעכטע יאהרען וואס א מויד דארף שוין חתונה האבען... דעם אמת געזאגט, פערגין איך אסור עמיצען אזא פעטען ביסען... (אויטאמא־ביל פאהרט) און מיינט איהר אז זי פאהרט אליין? א שאפער האב איך פאר איהר, א בויטשיק, אז ס׳איז א מחיה א קוק צו טהון אויף איהם, עה, חזניוק! עפען די טהיר פאר איהר.

ח י ר י ק (אפארט) אז עפענען זאל מען שוין דיר דעם קאפ, (עפענט) אהער ליידי אהער.

ב ע נ ד ע ר: וואס פאר א ליידי? מיין טאכטער איז נישט קיין ליידי, א מויד און דעטס אלל.

ס י ס י ל י ע

ב ע נ ד ע ר: העללאָ סיסילקע, אט דאס איז מיין סחורה, או־

האָב די פּלעזשיר פארצושטעלען מיס סיסילקע בענדער ענד מיסיס ליעבהערץ, (שטיל לאז אראב דעם קאפ, א שעמעוו־דיגע ביי מיר. (שטיל) רעד א ווארט.

חוה: עס פרעהט מיך זעהר.

סיסיליע: מיך אויך.

חוה: ביז מיין זוהן וועט קומען, קומט דערווייל אריין אין עס־צימער וועלען מיר עפּעס געניסען.

בענדער: עס איז שוין מאקע טרוקען געווארען אין גארגעל, עה, חזניק! דא האסטו א 10 דאלאר שטיק און ברענג ארויף 2 פלאשען שאמפּאנער, שנעל.

חוה: אך צו וואס? ביי אונז איז דא וויין, שנאפּס, ביער...

בענדער: אז יא א שמחה, טא זאל זיין א שמחה, נו, פארוואס געהסטו נישט?

חיריק: מיט לעדיגע הענד קען איך נישט געהן.

בענדער: נאַ, נאַ דיר אַ צעהנעריל און פּאַשאָל וואָן.

חיריק: אַז אַרויס נעמען זאָל מען דיר שוין די נשמה.

חוה: אַלזאָ, ביטע קומט אין עס צימער.

בענדער: קאָם אַן טאָכטער (הערר י שטעקט אַריין דעם קאָפּ) וואָס ווילסטו שאָפּעריק? דאָס איז אונזער שאָפּער הערר י.

הערר י: איי בעג יו פּאַרדאָן מיס... איהר האָט אייער טאָרבע פּערגעסען אין אויטאָמאָביל, און ער איז פול מיט געלד יונא.

בענדער: צום ערשטען מאָל זעה איך אַ שאָפּער אַנ׳עהרליכען יונג, אלע גנבים. אלע מאַנטאָג און דאָנערשטאָג מוז מען שוין צונעמען נייע, ער איז ביי אונז ערשט 2 וואָכען, וועל קאָם אַן טאָכטער.

סיסיליע: איך קום באַלד, איך וועל איהם נאָר געבען אייניגע אַדרעסען וואוהין ער זאָל צופאָהרען.

בענדער: אָלרייט.

חוה: קומט, קומט אַריין, (סצענע ביז ביידע אָב)

סיסיליע: נאך וואָס זענט איהר אַריינגעקומען אַהער?

הערריִ: איך וויל ע... וויסען ווי לאַנג וועט איהר דאָ פערוויי־
לען? און וויל איך פרעגען ווי האָט איהר זיך געוויילט
איף דעם שפּאַציער?

סיסיליע: פיין... גרויסאַרטיג, איהר האָט מיר געגעבען אַ גוטען
שפּאַציער.

הערריִ (זיפצט): אַך...

סיסיליע: וואָס איז אייך?

הערריִ: גאָר נישט דאָס האַרץ טהוט וועה זעהענדיג ווי מען
וויל אייך פערשלייערען.

סיסיליע: וואָס קימערט עס אייך?

הערריִ (וויינענדיג): גאָר נישט... נאָר אייך... כ׳ווייס נישט
אויב איך האָב רעכט, נאָר עס טהוט וועה ווען מען זעהט
אַז מען וויל צוטרעטען אַזאַ אונשולדיגע בלום, אַזאַ מלאך.

סיסיל.: הערריִ, איהר הויבט שוין ווידער אָן מיט קאָמפּלימענטען?

הערריִ: קאָמפּלימענטען גאָר? איך שווער אייך אַז אין אַ שעהנעם
פריהמאָרגען וועט איהר מיך געפונען אַ דערשאָסענעם, אַ דער־
טרונקענעם, אַ פער׳סמ׳טען ביי אייך אין בעט אָדער אונטערען
בעט.

סיסיל.: הערריִ, אַזוי ליעבט איהר מיך?

הערריִ: ווי אַזוי זאָל מען אייך נישט ליעב האָבען, אַז איהר
זענט אַזאַ גוטע, אַז איהר גיעט עפּעס גיעט איהר דאָס פון
דעם גאַנצען האַרצען.. איהר וועט שפּעטער אַרויס פאָהר׳ען?

סיסיל.: יעס, יעס, נאָר געהט געהט דער טאַטע קען נאָך אָנקומען.

הערריִ: אַך ווי דערלעב איך שוין די מינוט, איך וועל אייך
היינט אַוועק פיהרען אין אַזאַ אָרט ווי איהר וועט פאַר קיי־
נעם נישט דאַרפען קיין מורא האָבען, איך וועל מיט אייך
היינט געבען אַזאַ פאָהר, אַז איהר וועט ווע׳לען פערפאָהרען
גלייך אין גן־עדן אַריין.

סיסיל.: איך בעט אייך, הערט מיך אויף אויפצורעגען.

הערריִ: איך האָב ליעב אַז איהר ווערט אויפגערעגט... איך
זאָג אייך, אַז אויב יעמאַנד וועט אייך בעזיצען וועל איך
איהם ערמאָרדען.

סיסיל.: אַזוי געפעהרליך זענט איהר פערליעבט?
הערר י: נאָך געפעהעליכער ווי געפעהרליך.
סיסיל: ש-ש-ש... הערט אויף עס איז שוין אונמעגליך...
הערר י: אויסצוהאַלטען ווילט איהר זאָגען? איך ווייס, איך קען שוין אויך נישט אויסהאַלטען, (נעמט זי אַרום) מעג איך מיר ערלויבען?
סיסיל.: יעס, אָבער גיך. (סצענע קושען זיך, בענדער קומט)
בענדער: סיסילקע מיט דעם שאָפער שוין אויך אַ מחותן (צו איהם) וואָס האָסטו געטהון?
הערר י: ע... גאָר נישט... איך האָב די מיס... אַ קראַנקען צאָהן האָט זי...
בענדער: גראַדע דאָ, פּאַשאָל וואָן.
הערר י: טהענק יו סער. (אָב).
בענדער: וואָזשע קיין אַנדער אָרט וואו צו קונקלען-מונקלען האָסטו נישט ווי נאָר דאָ? וואַרט לאָמיך דיר נאָר חתונה מאַכען וועל איך זיך שוין מיט דיר אָברעכענען, אַריין אַהין, (שטופּט זי אָב) אַ רוח אין דיין טאַטען אַריין.
סיסיל.: אָלרייט, אָלרייט, (ביידע אָב, מ'קלינגט).

חוה

חוה: סאָניע, סאָניע!

סאָניע

סאָניע: די מאַדאַם ווינשט עפּעס?
חוה: זעה נאָר ווער עס האָט געקלינגען.
סאָניע: דאָס איז מ"ר אַלבערט.
חוה: פון וואַנען ווייסטו אַז דאָס איז ער?
סאָניע: (פערלעגען) ניע זנאַיו... איך ווייס נישט.. איך דערקען זיין קלינג.
חוה: געה עפען די טהיר און דערקען וועניגער זיין קלינג, וואַרט, וועסט איהם זאָגען ער זאָל אַריינקומען אין עס-צימער.

סאָניע: אָלרייט (אָב)
חוה: אַזוי הייכט עס, דערקענט זי זיין קלינג, דער חזן האָט רעכט (אָב)

סאָניע נאָך איהר אַלבערט

אַלבערט: וואָס אַנטלויפסטו פון מיר, דו קליין חיה׳לע, איך מיין דאָך קיין שלעכטס מיט דיר... עקסיוז מיר, עס איז געוועזן אומגערעכט, איך האָב נישט געמיינט דיר וועה טהון, עס איז פאַר פרייד, פאַר שמחה בין איך אַזוי מונטער און לוסטיג, אַז איך האָב מיר ערלויבט דיר אַ ביס טהון.

סאָניע: איך בעט אייך הערט מיך אויף צו פערפאָלגען, איך בין אַנ׳אָרימע יתומה, איהר אָרט פון מיר נישט חוזק מאַכען, מיט אייערע שטוקעס וועט איהר מיך נאָך פערטרייבען פון דאַנען, און איך וועל נישט קענען שטיצען מיין אָרימען קראַנקען טאַטען און מיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך. מ״ר אַלבערט, פאַר וואָס טהוט איהר מיר אַזוי וועה?...

אַלבערט: סאָניע! זאָל מיך גאָט שטראָפען אויב איך מיין דיר וועה טהון, איך וויל דיך גליקליך מאַכען.

סאָניע: איך בעט אייך רעדט גאָר נישט דערפון, אייער מאַמאַ וועט מיך אַרויסיאָגען פון הויז, אייער מאַמאַ האָט געבעטען איהר זאָלט אַריינקומען אין סטאָלאָווע, דאָרט זענען דאָ געסט.

אַלבערט: געסט? ווער זענען זיי?

סאָניע: אייער מחותן...

אַלבערט: מחותן?...

סאָניע: יאָ, אייער כלה אויך.

אַלבערט: אַ כלה? מיין כלה? ווען בין איך דען אַ חתן געוואָרען?

סאָניע: אייער מאַמאַ האָט אייך שוין פּצר׳חתנ׳ט.

אַלבערט: (קוקט אַריין) בענדער מיט זיין טאָכטער, יעצט איז מיר אַלעס קלאָר, די מאַמע האָט נישט צו בעצאָהלען די וועקסלען, און ער שאַרט זיך אין אונזער יחוס... סאָניע, קיינער אין דער וועלט וועט מיך נישט פון דיר... ש־ש־ש...

געה, מען קומט... ווארט, אַ קוש פון דיינע ליפּען וועט מיר מוט געבען (וויל זי קושען).

סאָניע: איך בעט אייך נעלזיא, מען טאָר נישט.

אלבערט: אויב דו ליעבסט מיך מעג מען, (קושט זי) די ליעבסט מיך, האַ?...

סאָניע: איך ווייס נישט... איך ווייס נישט... (אָב).

אלבערט: די גאַנצע וועלט זאָל אונטערגעהן און זי מוז מיינע זיין.

חוה

אלבערט: אַ גוד איווינינג דיר מאַמאַ.

חוה: אַ גוד איווינינג, האָט דיר סאָניע נישט געזאָגט אַז איך האָב געבעטען דו זאָלסט אריינקומען אין סטאָלאָווע?

אלבערט: יעס, און עס איז גלייכער וואָס איך בין נישט אריינגעגאַנגען.

חוה: וואָס מיינסטו דערמיט?

אלבערט: מאַמע, איך האָב געזעהן ווער דאָרט איז דאָ, דער בלוט-צאַפּער מיט זיין טאָכטער.

חוה: קענסט זי?

אלבערט: נאָר פון וויטענס.

חוה: זעהר אַ שעהן מעדעל.

אלבערט: יעס.

חוה: געבילדעט, אינטעליגענט, ער גיעט 10 טויזענד דאָלאַר נד און וועט דיר אויסמעבלירען אַ קאַבינעט אין בראָדוויי און מיר...

אלבערט: איך פערשטעה טייערע מאַמעניו, איך פערשטעה אַלעס.

חוה: איך דענק אַז עס איז פאַר דיר אַ גרויס גליק, וואָס זאָגסטו, אלבערט?

אלבערט: איך זאָג דאָס וואָס איך האָב שטענדיג געזאָגט איך וויל נאָך נישט הייראַטען און דאָס איז אַלעס.

חוה: זוהן מיינער, איך קען דיר נישט בעפעהלען, אָבער בעטען

דיר, דאָס וועל איך. נאָר אויב דיר געפעלט נישט דער שידוך, וואָס זאָל מען טהון? עס וועט פערלוירען געהן דיין טאַטענס האָרעוואַניע, און דאָס איינציגע וואָס מיר פערמאָגען, דאָס הויז, וועט מען צונעמען ביי אונז, און איך וועל נישט האָבען ווי דעם קאָפּ אָנצושפּארען (וויינט).

אַלבערט: איך בעט דיך מאַמעניו, הער אויף צו וויינען.

חוה: גוטער זוהן האָב רחמנות אויף מיר.

אַלבערט: איך בעט דיך מאַמעניו, גלויב מיר אַז איך וואָלט אַלעס אין דער וועלט געטהון פאַר דיינעטוועגען נאָר..! ש-ש-ש... מען קומט.

חיריק (קומט אַריין)

חיריק: מז"ט עס זאָל זיין אין אַ גוטע און אין אַ מזל'דיגע שעה, וואָס אַ חזיר, אַ גראָבער יונג פערגינט זיך צו טרינקען, שאַמפּאַנער, אַז דערטרינקען זאָל ער ווערען, איך האָב גענומען אַ פראָסט ביסעל שליוועוויץ און מז"ט חתן, אַ מויד אַ מחיה, (שרייט אין טיר) מ..תן, בערעלע גנב, מיין איך בענדער, דער שאַמפּאַנער מיט דעם חתן זענען שוין דאָ.

בענדער

בענדער: מחותנת'טע! איך פערשטעה נישט, מען לאָזט אונז גאָר זיצען אַליין? אהא, דער בחור איז שוין דאָ... העללאָ אַלבערטי, האַדיו, דו, אַז דו וועסט נאָר זיין אַ מענש וועל איך דיך מאַכען פאַר אַ ריכטער אין אַמעריקע. איך האָב פיינד אַ סך צו טענה'ען, אָדנים סלאָוואָם, מיר געפעלסטו אַצינד דאַרפסטו נאָר געפעלען מיין טאָכטער (רופט) עה, סיסילקע קום אהער.

סיסיליע

בענדער: היי יו די פלעזשיר, מיין טאָכטער, מיסטער אַלבערט ליעבהערץ, אַדוואָקאַט, ער וועט ביי מיר זיין אַ ריכטער אויך,

זאָל זיין אין אַ מזל'דיגע שעה, (פיהרט זיי צונויף גיעט איהר אַ קלאַפּ אין פּלייצע) נו, ער געפעלט דיר?

סיסיליע: יעס.

בענדער (קלאַפּט אַלבערט'ען אין פּליצע): אָלרייט דו געפעלסט איהר, דו וועסט אַ הנאה האָבען פון דיין לעבען.

חיריק (שטיל): איהר פאַלט אַריין אין אַ שמאַלץ-גרוב.

בענדער: אַנו, חזניוק! עפּען דעם ווייז לאָ'מיר עפּעס אַ לעבּ-טהון, מחותנת'טע וויין, גלעזער.

חוה באַלד, (רופט) סאָניע, דערלאַנג וויין, גלעזער!

בענדער: אַנו, חזניוק! דערלאַנג עפּעס אַ שטיקעל חזנות אַזוי פּאָ רוסקו.

סאָניע (מיט אַ טאַץ גלעזער)

בענדער: אָט דאָס איז אייער דיענסט-מויד? אַ קליינינקע אָבער אַ שעהנינקע.

חיריק: אוי, האָט זי אַ קולעכיל.

בענדער: זי קען זינגען? ווי הייסט זי?

חוה: סאָניע.

בענדער: היי... סאָניע?

אַלבערט: היי... איז פאַר אַ פערד.

בענדער: איהר קענט זינגען? איהר פערשטעהט, היינט איז ביי אונז אַ שמחה, וויל איך אַז איהר זאָלט אונז עפּעס זינגען, נו גיעט עפּעס אַ זינג פּאָ רוסקו, אדנים סלאָוואָם.

סאָניע: איך קען נישט זינגען. (אָב)

בענדער: וועל, עס ווערט שפּעט, מען דאַרף געהן, אַלבערט מאָרגען פריה וועל איך שיקען נאָך דיר איהר אויטאָמאָביל און גלייך זיך גענומען צו דער אַרבייט, אַדיע...

סיסיליע: גוד נייד, (צו אַלבערט'ען) ווילט איהר אפשר יעצט נעמען אַ שפּאַציער אין מיין אויטאָמאָביל?

אַלבערט: ניין, דאַנקע.

סיסיליע: איך וועל אייך ערוואַרטען מאָרגען פריה ביי אונז אין הויז (אָב).

בענדער: איך האָב אייך געזאָגט, ז״ סחורה האָבען זיך שוין פערליאַפּעט (אָב).

חיריק: אַלבערט, די מויד האָט אַ באָמבע מיט געלד, נישט גע־זאָרגט, אַגוטע נאַכט (אַב).

חוה: (פּויזע) נו מיין זוהן וואָס זאָגסטו? געפעלט דיר דאָס מעדעל.

אַלבערט: איך בעט דיך מאַמע לאָמיר יעצט דערפון נישט רעדען, איך לייד אונגעהויערע קאָפּ שמערצען, איך בין מיעד, איך וועל מיך געהן אָפּרוהען.

חוה: (רופט) סאָניע, סאָניע!

אַלבערט: וואָס איז? וואָס רופסטו זי?

חוה: גאָר נישט, זאָל זי דיר אויסבעטען.

אַלבערט: בעמיה זי נישט, איך וועל מיר אַליין אויסבעטען.

חוה: זוהן מיינער, איך פיהל אַז עפּעס בעהאַלטסטו פון מיר, זאָג מיר דעם אמת פאַר וואָס געפעלט דיר נישט דער שידוך איך וועל שוין נישט רעדען וואָס דו דאַרפס׳ט טהון פאַר מיר.

אַלבערט: הער מיך אויס מאַמע, ווי גערען וואָלט איך זיך געוואָלט פאַר דיר אָפּפערען, נאָר איך קען נישט, איך ליעב אַ אַנדער מעדעל.

חוה: אַ אַנדער מעדעל? ווער איז זי? ווער זענען איהרע עלטערען?

אַלבערט: זי איז אַ יתומה, און איהר פאָטער איז זעהר אָרעם.

חוה: ווער איז זי?

אַלבערט: דאָס קען איך דיר נישט זאָגען, ווייל איך ווייס אַז די וועסט זיין דאַגעגען.

חוה: אויב זי איז אַנ׳עהרליך קינד, וועל איך נישט זיין דאַגעגען

אַלבערט: עהרליך, שעהן, ליעב און גוט (מ׳קלינגט)

חוה: (רופט) סאָניע! סאָניע!

אַלבערט: וואָס איז? וואָס דאַרפסטו זי שוין ווידער.

חוה: זאָל זי זעהן ווער עס קלינגט דאָרט אזוי שפּעט אין דער נאַכט.

אַלבערט: מען דאַרף זי נישט בעמיהען, איך וועל אַליין געהן עפענען (געהט).

חוה: וואַרט נאָר אַלבערט, דו מיינסט חלילה די אָרימע יתומה סאָניע?

אַלבערט: (ענטשלאָסען) יאָ...

חוה: און זי וואַגט? (רופט) סאָניע! סאַניע!

אַלבערט: מאַמאַ, אויב דו וועסט איהר זאָגען איין שלעכט וואָרט, פערלאָז איך דיין הויז, און דו זעהסט מיך נישט מעהר צוריק.

סאָניע

סאָניע: איהר ווינשט עפעס מאַדאַם?

חוה: יאָ, געה זעה ווער עס האָט געקלינגען (זי אָב) אַזאַ אונפערשעמטע, פאַר מיין ברויט בעצאָהלט זי מיר מיט שטיינער.

אַלבערט: מאַמאַ, זי איז נישט שולדיג, איך ליעב זי... איך פערגעטער זי...

חוה: ווען וועמען ווילסטו דערצעהלען אַז דו ליעבסט זי... קען איך דיך נישט?... אַלבערט איך וועל דערצו נישט דערלאָזען.

סאָניע

חוה: נו ווער האָט געקלונגען, סאָניע?

סאָניע: מיין טאַטע.

חוה: וואָס וויל ער אַזוי שפעט אין דער נאַכט?

סאָניע: מיט אייך רעדען.

חוה: בעט איהם אריין.

סאָניע: (עפענט די טהיר) קום אַריין טאַטעניו.

חוה: געה אין קיך און לעג זיך שלאָפען.

סאָניע: זאָל איך אויסבעטען מ"ר אַלבערט'ס בעט?

חוה: מען וועט אויסבעטען אָהן דיר, אַ גוטע נאַכט (סאָניע אָב).

אַלבערט: מאַמאַ אויב דו וועסט זי אַזוי בעהאַנדלען, וועל איך מיר דאָס לעבען נעמען.

חוה: שווייג, דו נאַריש יונגעל, געה לאָז מיך מיט איהר כאָטער אַליין (אַלבערט געהט. שטעלט זיך ביי סאָניע׳ס צימער. ווארפט אַ קוש).

ירוחם

ירוחם: אַ גוטען אָווענד אייך.

חוה: קומט נעהנטער ירוחם, זאָגט וועגען וואָס זענט איהר געקומען אַזוי שפעט אין דער נאַכט, איהר דאַרפט סאָניע׳ס געהאַלט?

ירוחם: ניין, איך בין זיך געקומען געזעגענען מיט אייך און מיט מיין טאָכטער, און אייך בעטען אַז איהר זאָלט ביי איהר פערטרעטען נישט נאָר אַלס מוטער, נאָר אַלס פאָטער אויך.

חוה: איך פערשטעה אייך נישט.

ירוחם: מיינע אַנדערע קינדערלעך האָב איך שוין פערזאָרגט, דאַנקען גאָט, מען האָט זיי ביי מיר צוגענומען אין בית יתומים.

חוה: איהר פאָהרט אַוועק?

ירוחם: איך וואָלט נישט געפאָהרען, דען וועלכער טאַטע וויל זיך עס שיידען פון זיינע קינדערלעך, נאָר די דאָקטוירים לאָזען מיך נישט זיין נעבען מיינע יתומים׳לעך, איך טאָר זיך נישט צוריהרען צו זיי.

חוה: פאַרוואָס? וואָס איז עס אַזוינס געשעהן?

ירוחם: איך האָב אין שאָפ ביים פרעס-אייזען בעקומען גאַלאָפּ-שווינדזוכט, און גוטע מענשען שיקען מיך מאָרגען אין דער פריה אַוועק קיין דינווער. מאַדאַם ליעבהערץ, איהר זענט שטענדיג געוועזען אַזוי גוט צו אונז, דאַדורך בעט איך פערלאָזט נישט מיין קינד, מיין סאָניטשקע (אַלבערט הערט זיך צו).

חוה: ירוחם, איין גאָט איז מיין עדות, אַז מיין האַרץ איז מיר צובראָכען, נאָר אַז איך זאָל אַכטונג געבען אויף אייער סאָניע דאָס קען איך נישט, עס טהוט מיר וועה אייך צו זאָגען אַז

מאָרגען פריה שיק איך אַוועק אייער טאָכטער פון דער שטעלע, זי קען און טאָר מעהר ביי מיר אין הויז נישט זיין.

ירוחם: מאַדאַם ליעבהערץ, גאָט איז מיט אייך, וואָס רעדט איהר? מיט וואָס האָט זי זיך עס פערזינדיגט?

חוה: איך קען אייך גאָר נישט זאָגען, איך וועל אייך נאָר בעטען, אַז בעפאָר איהר פאָהרט אַוועק, בעזאָרגט זי ערגעץ אַנדערש.

ירוחם: ווי קען איך איבערלאָזען אַ מיידעל אַליין ביי פרעמדע מענשען? איהר, ווי עס איז, קענט אונז און איהר זענט ווי אַ מאַמע צו איהר. אָרים יתום׳עלע מיינס, די מאַמע איז טויט און דער טאַטע נאָך ערגער ווי טויט, ווער וועט אויף דיר אַכטונג געבען, ווער וועט זי בעשיצען פון אונגליק און געפאַהר...

חוה: הערט מיך אויס, אפשר איז מעגליך איהר זאָלט זי מיטנעמען מיט זיך? איך וועל אויסשטעהן אַלע הוצאות, איך וועל אייך שיקען מאָנאַטליך וויפיעל איהר וועט נאָר דאַרפען אויף לעבענס־מיטעל.

ירוחם: וועה איז מיר מאַדאַם ליעבהערץ, אַ שרעקליכער געדאַנק איז מיר אריין אין קאָפּ, וואָס איז געשעהן מיט מיין קינד? זאָגט דעם אמת, עס מעג זיין ווי שרעקליך (סאָניע הערט זיך צו).

חוה: זייט שטאַרק ירוחם... מיין זוהן איז אַנ׳אַמעריקאַנער בוי, און איך האָב מורא, אַז עס וועט נישט פיהרען צו קיין גוטס. איהר פערשטעהט? נעמט זי צו בעפאָר עס ווערט שפּעט.

ירוחם: וואָס הייסט? אַפילו די מינוט, זאָל זי שוין איינפּאַקען איהרע זאַכען און געהן מיט מיר.

חוה: ניין, ניין, זי דאַרף גאָר נישט וויסען, קומט מאָרגען צו געהן און איך וועל שוין זאָרגען אַז זי זאָל מיט אייך מיטפאָהרען, עס וועט הייסען אויף אַ קורצער צייט, און נאָכהער וועט איהר זי נישט לאָזען צוריק פאָהרען.

ירוחם: מעג איך איהר יעצט זאָגען אַ גוטע נאַכט?

חוה: ניין זאָגט יעצט גאָר נישט, געהט געזונדערהייט.

ירוחם: אַ גוטע נאַכט (געהט)

חוה: וואָרט אַנ׳אויגענבליק (שרייבט אַ צעטעל) אָט דעם בריעף טראָגט מאָרגען אין דער פריה אַוועק צו מ״ר בענדער אויף דער אַדרעסע, און גיעט איהם פערזענליך איבער, וועט ער אייך געבען 500 דאָלאַר.

ירוחם: 500 דאָלאַר?... פּאַרוואָס?... אוי וועה איז מיר! מאַדאַם ליעבהערץ, איך האָב מורא אַז איהר בעצאָהלט מיר פאַר מיין קינד׳ס עהרע... ניין, ניין, איך טאָר אַזאַ געדאַנק אין מיין קאָפּ נישט אַריינלאָזען, מיין סאָניטשקע איז אַנ׳עהרליך קינד, און איהר זענט אַ גוטע פרוי, איהר האָט רחמנות אויף אונז און איהר העלפט אונז.

חוה: יעס... יעס...

ירוחם: אַ גוטע נאַכט (געהט קומט צוריק) אפשר וואָלט איך זי יעצט צוגענומען?

חוה: ניין, מיין זוהן איז יעצט אין שטוב, און איך וויל פערמיידען אַ סקאַנדאַל.

ירוחם: הייסט עס, אַז די קינדער ליעבען זיך טאַקע באמת?

חוה: די ליעבע קען אָבער נישט פיהרען צו קיין גוטס.

ירוחם: אוודאי, אוודאי, ווי קומט אַנ׳אָרימאַנ׳ס אַ טאָכטער צו אַ גבירה׳טעס אַ זוהן? אַנ׳אָרים מעדעל איז פעראורטיילט צו ליידען, אַנ׳אָרימאַנ׳ס אַ טאָכטער טאָר נישט פיהלען, טאָר נישט ליעבען, און טאָר נישט לעבען אויף דער וועלט. אַ גוטע נאַכט (אָב).

חוה: (פערשליסט די טהיר, געהט צו סאָניע׳ס צימער) סאָניע! דער טאַטע איז שוין אַוועקגעגאַנגען, רוים אַלעס אויף און לעג זיך שלאָפען, אַ גוטע נאַכט.

סאָניע: (אין קוליסען) אַ גוטע נאַכט.

חוה: (רופט) אַלבערט! אַלבערט! (עפענט די פּאָרטיערען פון זיין צימער) ער איז אַנטשלאָפען געוואָרען אין די קליידער (פערלעשט דעם לאָמפּ, אָב, עס הערט זיך זינגען און שפּיעלען אויף מאַנדאָלין).

אַלבערט (עפענט דאָס פענסטער)

אַלבערט: הם... די איטאַליענער גאַהען אין גאַס ביינאַכט מיט זייערע געליעבטע געאַרעמט און שפּיעלען אויף זייערע אינסטרומענטען (בלייבט פערטיעפט אין געדאַנקען, הערט זיך צו צו חוה׳ס צימער) די מאַמע שלאָפט (געהט צום טיש געסט אָן אַ גלעזעל בראָנפען, טרינקט) מען מוז אויסטרינקען נאָך אַ פּאָר און געהן שלאָפען, און מאָרגען וועלען מיר זעהן, מאַמאַ, ווי דו וועסט פערשיקען פון מיר מיין ליעבע סאָניע (טרינקט) עס איז נאָך אַ גליק וואָס ס׳איז דאָ ווייַן אויף דער וועלט, אַ טייער מיטעל צו פערטרייבען די צרות (טרינקט) נאָך איינס און גענוג, אפשר וועט עס מיך פערטויבען און פערשלעפערען (עס הערט זיך פּיאַנינע מוזיק) אַך ווי זיס, ווי ליעב איז די מוזיק, עס דערוועקט עפּעס אַזעלכע געפיהלען, זיסע, ליעבע געפיהלען (געהט צו סאָניע׳ס צימער) זי איז וואַך, זי געהט אַהער (בעהאַלט זיך).

סאָניע

סאָניע: (רוימט אויף פון טיש, נעמט אַ טאַץ וויל געהן).

אַלבערט: (פערשטעלט איהר דעם וועג) סאָניע!

סאָניע: וואָס איז מ״ר אַלבערט?

אַלבערט: זאָג מיר נישט מ״ר, נאָר אַלבערט.

סאָניע: איך טאָר נישט, איהר ווייסט אַליין אַז איך טאָר נישט, האָט איהר דען נישט געהערט וואָס אייער מאַמאַ האָט מיין טאַטען געזאָגט?

אַלבערט: איך האָב אַלעס געהערט, און דערפאַר אַליין מוז נעמען אַ ענדע.

סאָניע: ווען איז מיר, וואָס פאַר אַ ענדע?

אַלבערט: (כאַפּט זי אַרום) דו מוזט מיינע זיין.

סאָניע: גאָט איז מיט אייך, פערגעסט נישט אַז איך בין אַ יתומה.

אַלבערט: מאָרגען גאַנץ פריה, וועלען מיר הייראַטען.

ס אָ נ י ע: דאָס זאָגט איהר נאָר יעצט אַזוי...

אַ ל ב ע ר ט: אויף מיין עהרען וואָרט.

ס אָ נ י ע: מ״ר אַלבערט, איהר ווייסט| נישט וואָס איהר רעדט.

אַ ל ב ע ר ט: איך ווייס איינס, איך ליעב דיך, און דו מוזט מייב[illegible]

זיין (דריקט זי צו זיך) דו ליעבסט מיך, האַ?...

ס אָ נ י ע: יאָ... יאָ... אַלבערט, גאָלובטשיק, לאָזט מיך אָב.

אַ ל ב ע ר ט: קוש מיך אויב דו ליעבסט.

ס אָ נ י ע: איך וועל אייך קושען, האַלזען, נאָר האָט רחמנות

אויף מיר, איך בין אַ יתומה.

אַ ל ב ע ר ט: דאָס איז דאָס איינציגע מיטעל זאָג איך דיר, קיי[illegible]

נער וועט אונז דאַן נישט קענען שיידען.

ס אָ נ י ע: ניין, ניין, מ׳דאַרף נישט (רייסט זיך אויס, לויפט אַרומ[illegible]

טיש) האָט רחמנות, האָט רחמנות..

אַ ל ב ע ר ט: נו געה (זי וויל געהן, כאַפּט זי, קושט זי. פיהר[illegible]

זי צו זיך אין צימער).

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אַקט.

אַ רייך צימער. הערריִ — סיסיליע אין חופּה־קלייד

סיסיל.: הערריִ, דו ערלויבסט זיך צופיעל.
הערריִ: נאָר אויף אַזוי פיעל, וויפיעל מיין קראַנק הארץ בע־פעהלט, דו האָסט היינט חתונה מיט אַלבערט ליעבהערץ, דו וועסט מיט איהם נאָך דער חופּה אַוועקפאָהרען אין אייער אויטאָמאָביל, ער וועט האָבען פערגעניגען, און איך ניִשט. פאַרוואָס קומט דאָס איהם? קום איך דען ניִשט אַרויס פון אַ טאַטען מיט אַ מאַמען פונקט ווי ער?
סיסיל.: הער מיך אויס הערריִ, באַלד נאָך דער חתונה נעם איך דיר וויעדער צו, אַלס מיין שאָפער, און ס'וועט זיין אַלרייט.
הערריִ: דיין טאַטע וועט דערצו גישט דערלאָזען.
סיסיל.: נאָך דער חתונה וועל איך טהון וואָס איך וועל וועלען. איך בעט דיר, געה יעצט אַוועק, עס פּאַסט ניִשט אַז דו וואָלסט דאָ זיין, זאָג נאָר האָסט ערהאַלטען דעם בריעף.
הערריִ: יעס, קאַלט ווי אייז, אַך דיינע ערשטע בריעף באַלד ווי איך בין אַוועק פון דאַנען, דאָרט איז געוועזן לעבען, ליעבע, 2 וואָכען האָט דאָך געהאַלטען מיין גליק 2 וואָכען

האָסטו מיך געהויבען ביז אין הימעל, און עס איז אַזש אַ רויך געגאַנגען, און יעצט האָסטו מיך אַרונטערגעוואָרפען טיעף אין דר'ערד אַריין.

סיסיל.: אויב דו האָסט מיין לעצטען בריעף גוט פערשטאַנען גלויב איך, אַז דו וועסט זיך נישט נאַריש מאַכען, און דו וועסט זעהן אַז אַלעס איז נאָר געווען אַ שפּאַס.

הערר י: אַ שפּאַס? מיט מיר אַ שפּאַס? מיס סיסיליע! איך בין אַנ'אַמעריקאַנער בוי, איך בין שוין געוועזען אויפ'ן פערד און אונטערען פערד, מיט מיר שפּאַסט מען נישט, נאָכדעם ווי איך האָב דיר פערשאַפט אַזויפיעל פערגעניגען, מיט מיר אַ שפּאַס?

סיסיל.: שאַ! זאָל זיין שטיל, מ'קען נאָך דערהערען, זאָל זיין שטיל.

הערר י: הערען? זאָל מען הערען, זאָל מען וויסען ווער איהר זענט.

סיסיל.: מיין טייערער הערר י, איך בעט דיר.

הערר י: מיין טייערע, אָלרייט! עס איז מיר שוין איבערגע־גאַנגען דער כעס, אויס ליעבע, אויס ראָמאַן, איהר גיעט מיר אָב מיינס, און איך וועל אייך אָבגעבען אייערס, פּאַ אַמע־ריקאַנסקו, ביזנעס איז ביזנעס.

סיסיל.: וואַס פאַר אַ ביזנעס?

הערר י: וואַס פאַר אַ ביזנעס? איהר האָט אומגליקליך געמאַכט אַנ'אָרענטליכען בחור, איהם צובראָכען זיין האַרץ, טאָ בע־צאָהלט, און אויב נישט (נעמט אַרויס אַ בריעף) אייערע ליעבעס בריעף פול מיט שעהנע זאַכען (זי וויל אַרויסכאַפּען) אָהן הענד מאַדאַם, אַז מען כאַפּט, בריהט מען זיך אָב.

סיסיל.: כאַ־כאַ־כאַ... און איך האָב געמיינט אַז דו ביזט אַ קלו־גער, און פערשטעהט אַ שפּאַס.

הערר י: סעה... מיס... ווילסט מיר אויך נעמען אויף דער האַצקע, האַ?

פּענדער (אין קוליסען): סיסילקע! כלה! וואו ביזטו ערגעץ פערשוואונדען?

סיסיל.: אוי וועה איז מיר! דער טאַטע זוכט מיר שוין, הערריטייערער, געה, שפּעטער וועל איך זיין ביי אונז אין גאראזש.

הערריי: אַזוי, איז שוין אַנ'אַנדער לשון.

סיסיל. (פערמאַכט די טהיר): טייערער הערריי, איך בין אַ בעלן צו זעהען וואָס איך האָב דיר געשרעיבען אין יענעם בריעף.

הערריי: איך געדענק יעדעס וואָרט, דאָרט שטעהט געשרעיבען וואָס פאַר אַ ברען=פלאַם=פייער איך בין, אַז איך בין דיין לעבען, און נאָך שעהנע זאַכען.'

סיסיל.: וויפיעל ווילסטו פאַר די בריעף?

הערריי: וואָס, ווילסט מיך אויסקויפען מיט געלד? אָלרייט ווילסט האַנדלען אַלע מיט אַמאָל, צי איינציגווייז?

סיסיל.: אַלע, אַלע.

הערריי: 2000 דאָלאַר נישט וועניגער אַ פּעני, קריעגסט צוריק אַלע בריעף.

סיסיל.: וואו נעמט מען יעצט אַזוי פיעל געלד?

הערריי: איך האָב געוואוסט אַז דו האָסט נישט אַזויפיעל געלד האָב איך אויסגעשטעלט אַ אַנווייזונג אויף דער סומע, צו דאַרפסט נאָר אונטערשרייבען.

סיסיל.: ניין, נישט יעצט, שפּעטער וועל איך זיין דאָרט, געה, איך הער אַז מ'קומט.

הערריי: פערגעס נישט טייערע, אַז איך קען נישט לאַנג וואַרטען, און ביז נאָך דער חופּה וועל איך נישט וואַרטען, איך וועל זיי ווייזען דיין צוקונפטיגען מאַן נאָך פאַר דער חופּה.

סיסיל.: געה איך וועל דאָרט באַלד זיין.

הערריי: אָלרייט מיין טייערע. און אַזוי לאָזטו מיך אַוועקגעהן? אָהן אַ קוועטש, אָהן אַ דרוק, אָהן אַ קוש?

סיסיל.: אָהו! הערריי, ווען דו זאָלסט נאָר וועלען זיין אַ קלוגער (קושען זיך).

בענדער

בענדער: וואָס איז דאָס? דער ממזר איז שוין ווידער דאָ?

הערי: איך בין נישטאָ... עס ווייזט זיך אייך גאָר אויס, דאָס איז מיין גייסט געקומען.

בענדער: אוי! אַ רוח אין דיין...

הערי: אין דיין טאַטען אַריין (אָב)

בענדער: און דו, בענדער׳ס טאָכטער מיינע, וואָזשע דו האָסט נישט קיין צייט צו וואַרטען ביז נאָך דער חופה? (מ׳קלינגט) געה אַריין צו די געסט, צום חתן, אַ רוח אין דיין טאַטען אַריין.

סיסיל.: אָלרייט! אָלרייט! (אָב).

ירוחם

ירוחם: אַ גוטען אָוועגד אייך.

בענדער: ווער זענט איהר?

ירוחם: איהר דערקענט מיך נישט?

בענדער: יאָ... איהר זענט עס ירוחם דער קבצן, ווי קומט איהר אַהער? איהר זענט דאָך געפאָראָען קיין דינווער זיך קורירען, ערשט 6 מאָנאַט ווי איהר זענט אַוועקגעפאָהרען און איהר זענט שוין דאָ צוריק? וועל, וואָס קען איך טהון פאַר אייך? אָבער שנעל, ווייל ביי מיר איז היינט אַ שמחה.

ירוחם: איך וויים, און דערפאַר בין איך טאַקע געקומען, איך דאַרף זעהר נויטיג זעהן די מאַדאַם ליעבהערץ מיט איהר זוהן.

בענדער: איהר דאַרפט זיי זעהן? וועגען וואָס?

ירוחם: נויטיג, וועגען מיין טאָכטער, איך דאַרף זיי זעהר.

בענדער: וואָס איז מיט אייער טאָכטער? איז זי אויך צוריק געקומען מיט אייך?

ירוחם: ע.. ע...

בענדער: אויב איהר ווילט מען זאָל זי צוריק צונעמען פאַר אַ דיענסט, איז נישט אַצינד די צייט צו דולען אַ ספּאָדעקי. מ׳דאַרד באַלד שטעלען די חופה.

ירוחם: שוין שטעלען די חופה? מ׳וועט נאָך אַזוי גיך די חופה נישט שטעלען.

בענדער: וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון?

ירוחם: גוטער מענש, איך בעט אייך, שיקט מיר אַריין מאַדאַם ליעבהערץ מיט איהר זוהן.

בענדער: אָלרייט! אָלרייט! (רופט) מיסיס ליעבהערץ! זייטזשע מוחל. וואָס האָט איהר געמיינט דערמיט: מ׳וועט אַזוי גיך די חופה נישט שטעלען? (שטיל) איהר ווייסט עפּעס פון מיין טאָכטער? איך וועל אייך בעצאָהלען, נאר שאַ.

חוה

חוה: מחותן, די געסט וואַרטען אויף אייך.

בענדער: אָלרייט (געהט צום טהיר, ווינקט צו איהם) פּסט... פּסט... (אָב).

חוה: איהר זענט צוריק געקומען אַליין?

ירוחם: ניין, מיט מיין אונגליקליכע טאָכטער.

חוה: ר׳ ירוחם, איך האָב דאָס נישט ערוואַרטעט פון אייך, איך האָב אייך געגעבען 500 דאָלאַר און האָב אייך יעדען חודש געשיקט געלד, און איהר האָט אייער וואָרט נישט געהאַלטען. וועגען וואָס זענט איהר צוריק געקומען פּונקט פאַר מיין זוהנ׳ס חתונה?

ירוחם: ווייל איך וויל רעטען מיין קינד׳ס נאָמען.

חוה: איך פערשטעה אייך נישט.

ירוחם: מאַדאַם ליעבהערץ, ווען איהר האָט מיך געהייסען אוועק פאָהרען מיט מיין טאָכטער, האָב איך אייך געפאָלגט, כאָטש איך האָב געוואוסט אַז איהר האַרץ איז צובראָכען, איך האָב אָבער נישט געוואוסט, אַז אייער זוהן האָט זי אונגליקליך געמאַכט.

חוה: אונגליקליך? וואָס רעדט איהר? מענש, זענט איהר ביים זינען?

ירוחם: ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלען אַזאַ זאַך? דאָס אָרימע קינד האָט געליטען און געשוויגען, געשטיקט איהר

ווערטאָג אין זיך, בעהאַלטען זיך מיט איהר שאַנדע, ביז זי איז קראַנק געוואָרען און איך האָב צו מיין בייזען אונגליק דערזעהן און זיך דערוואוסט דעם אמת. קענט איהר זיך פאָרשטעלען, מאַדאַם, וואָס פאַר אַ שרעקליכער קלאַפּ דאָס איז געוועזן פאַר מיר? איך האָב נישט געקוקט אויף דעם וואָס די לופט איז דאָ פאַר מיר שעדליך און איך בין געקומען מיט איהר אַהער... דאָס אָרימע קינד שוואַנגערט...

חוה: איך פערשטעה נישט וועגען וואָס איהר זענט יעצט געקומען אַהער, איהר ווילט געלד?

ירוחם: חלילה, וואָס הייסט געלד? קען מען דען מיט אַלע געלדער פון דער גאַנצער וועלט, מיין קינד אַ עהרליכען נאָמען געבען?

חוה: וועגען וואָס דען זענט איהר יעצט אַהער געקומען?

ירוחם: איך בין געקומען, אַז אייער זוהן זאָל גוט מאַכען זיין פערברעכען.

חוה: זענט איהר ביי׳ם זינען? יעצט, ווען ער איז פערלאָבט מיט אַן׳אַנדערע?

ירוחם: ער האָט קיין רעכט געהאַט זיך צו פערליעבען אין אַ אַנדערע, ווייל ער האָט צוגעזאָגט מיין קינד, אַז ער וועט מיט איהר חתונה האָבען און זי האָט איהם געטרויט איהר אַלעס הייליגע אויף דער וועלט. צי דענקט איהר, ווייל מיר זענען אָרימע לייט, זענען מיר קיין מענשען נישט? האָבען מיר קיין הערצער, קיין געפיהל? ווייל איהר זענט רייך, דענקט איהר אַ תל צו מאַכען פון אונזער, איינציגער נחמה, פון אונזער איינציגער טרייסט אין לעבען. וואָס נאָך פערמאָגען מיר אָרימע לייט, חוץ אונזערע עהרליכע טעכטער? און איך דאָס רויבט איהר פון אונז אוועק און טרעט זיי מיט די פיס. מיט געלד ווילט איהר מיך בעלוינען? אָבער, ניין, מאַדאַם ליעבהערץ, מיינט נישט אַז די גערעכטיגקייט איז טויט, נאָך היינט וועט מוזען אייער זוהן זיין פערברעכען גוט מאַכען, אָדער עס וועט זיין מיין טויט, אָדער זיין טויט...

חוה: שווייגט, אונגליקליכער מענש, בערוהיגט אייך, איהר זענט דאָך אַ קראַנקער מענש... בערוהיגט אייך, איהר דאַרפט אייך נישט אויף רעגען. היט אייער לעבען.

ירוחם: וואָס טויג מיר מיין לעבען, אַז מיין קינד איז מיר פערראונגליקט אויף איהר גאַנץ לעבען. איך וויל זעהן איי־ער זוהן, איך וויל מיט איהם רעדען.

חוה: אַנ׳אַנדערש מאָל, נישט יעצט. איך בעט אייך געהט אַהיים, און בערוהיגט אייך, איך וועל טהון פאַר אייך וויפיעל עס וועט זיין אין מיין מאַכט.

ירוחם: איך וויל קיין זאַך נישט, איך וויל נישט קיין נדבות איך וויל נישט קיין טובות, איך וויל מיין קינד אַ עהרליכען נאָמען געבען און דאָס איז אַלץ (לויפט צום טהיר).

חוה: וואוהין איז דאָס?

ירוחם: צו איהם... צום פערפיהרער פון מיין... מיט מיר מוז ער געהן צו זיין קרבן... (רופט): אַלבערט! מ״ר ליעבהערץ!

חוה: ש־ש־ש... זאָל קיינער נישט וויסען...

ירוחם: איך וועל איהם בעטען, וויינען פאַר איהם...

אלבערט

אלבערט: ווער האָט עס מיך גערופען, מאַמאַ?

ירוחם (פאַלט צו זיינע פיס): אַלבערט! מ״ר ליעבהערץ!

אלבערט (פערציטערט): מאַמאַ, ווער איז דער אָרימער מענש?

חוה: סאַניעס אונגליקליכער פאָטער. ער דערצעהלט זעהר נישט קיין שעהנע זאַכען פון דיר.

אלבערט: ער ווייסט?

חוה: הייסט עס, אַז ס׳איז אמת?...

אלבערט: עס איז דיין שולד, מאַמאַ...

ירוחם: איך האָב געוואוסט, אַז איהר זענט אַ גוטער מענש. מיין הארץ האָט מיר געזאָגט, אַז ליעבהערץ קען נישט שלעכט זיין... איך בין מיט אייער פאָטער געוועזען זעהר בעפריינ־דעט און אין זיין אָנדענקען, בעט איך אייך, האָט רחמנות

אויף מיין קינד, זי וועט די שאנדע נישט איבערהאלטען, זי וועט זיך דאס לעבען נעמען.

אלבערט: גלויבט מיר מיין הערר, אז איך בין נישט אויף אזוי פיעל שולדיג ווי איהר דענקט. איך האב עהרליך געמיינט מיט אייער טאכטער... עס האט אבער אזוי פאסירט, זי איז פערשוואונדען געווארען אהן מיין וויסען, די אומשטענדען זענען געוועזען אזעלכע, אז איך האב זיך געמוזט פערבונדען מיט א צווייטער פרוי.

ירוחם: אבער יעצט, אז זי איז דא, קענט איהר דאך גוט מאכען אייער פערברעכען.

אלבערט: ווי גערען וואלט איך עס געוואלט טהון, ווען איך זאל נאר קענען.

ירוחם: איהר קענט נאך אלעס גוט מאכען.

אלבערט: שוין צו שפעט... איך האב שוין חתונה געהאט אין געריכט...

ירוחם: חתונה געהאט אין געריכט? נו, און מיין טאכטער מיט א קינד אונטערן הארצען?... מערדער! רוצח! קוילער! (הויבט דעם שטעקען) מיט דיין לעבען וועסטו מיר בעצאהלען.

חוה (מיט א געשריי): ר' ירוחם, גאט איז מיט אייך! (כאפט איהם ביי'ם האנד).

אלבערט: לאז איהם מוטער, לאז איהם מיך ערמארדען... איך האב פערדיענט דעם טויט... מיר איז ליעבער דער טויט, איידער אזא לעבען... (בענדער הערט זיך צו).

ירוחם (ווארפט דעם שטעקען צו דר'ערד): נו לעב, נאר זיי פערשאלטען פון גאט און פון מענשען!... גרויסער גאט אין הימעל, שיק אויף איהם דיין קללה, אז וואו ער וועט געהן און וואו ער וועט שטעהן, זאל ער פאר זיך זעהן זיין פערברעכען, וואכענד און אין שלאף, זאל פאר איהם תמיד שוועבען דאס געזיכט פון זיין אונשולדיג קינד... עס זאל איבער זיין לעבען הענגען א שווארצער וואלקען... מאטערען און פלאגען זאל ער זיך זיין גאנץ לעבען. און אז ער וועט

שטאַבען, זאָל איהם די ערד אַרויס וואַרפען... און אויף זיין שטיין זאָלט איהר אויסקריצען ק נ'ס צייכען... קין!... קין!... קין!... (אָב)

בענדער.

בענדער: אזוי איז די מעשה? אַ מויד מיט אַ... גאַנץ פיין פון מיין בוי... ניש'קשה, דאָס איז פּאַ אַמעריקאַנסקו, אַ מאַן איז ווי אַ גלאָז, פערשמוצט זיך אַ ביסעל, איז אויסגעוואַשען און ווידער ריין... קאָם-אָן, מען דאַרף שוין באַלד שטעלען די חופּה... מיין טאָכטער טאָר פון דעם נישט וויסען, זי איז ביי מיר אַ צדקת'טע אין אַזעלכע זאַכען... קאָם-אָן.

אלבערט: מ"ר בענדער, אייער טאָכטער ווייסט שוין אַלעס, איך האָב איהר אַלעס דערצעהלט... אויב ס'איז מעג-ליך, אַז ס'זאָל ניש זיין די חתונה...

בענדער: ע... זיי זשע נישט קיין יאָלד. אַנ'אַדוואָקאַט דאַרף זיין אַ מענש, אַ מאַן... נאָך דער חתונה זאָלסטו זיך מיר באַלד אַריינוואַרפען אין פּאָליטיקס. אַ ריכטער מוזטו ביי מיר ווערן. איך מוז האָבען אַנ'אייגענעם ריכטער פאַר מיינע לאָקאַטאָרען; קאָם-אָן, קאָם-אָן!... (שטופּט איהם אַרויס אַלע אָב).

(מוזיק שפּילט מעלאָדראַמע) סאָניע. סיסיליע (פון דער צוויי-טער טהיר)

סאניע: אַ גוטען אָווענט!

סיסיליע: ווער זענט איהר?

סאניע: איהר דערקענט מיך נישט? מיט 6 חדשים צוריק האָט איהר מיך געזעהן ביי מאַדאַם ליעבהערץ אין הויז איך האָב געדיענט ביי זיי...

סיסיליע: אַהאַ, דאָס ביזט דו די דיענסט-מויד סאָניע?... איך האָב געהערט פון דיר... מיין אַלבערט האָט מיר אַלץ דער-צעהלט. דו ביזט זיינע... אַ מעטרעסע.

סאניע: אַזוי? ער האָט אייך אַלץ דערצעהלט?... האָט ער אייך רויך דערצעהלט, ווי ער האָט מיך פערגעטערט און געליעבט?...

ס י ס י ל י ע : וועגען וואָס ביזטו יעצט געקומען?

ס א נ י ע : אייך בעטען איהר זאָלט רחמנות האָבען אויף מיר און אויף זיין קינד וואָס איך טראָג אונטער מיין האַרצען... איך בין געקומען אייך בעטען רחמנות אויף מיין קראַנקען טאַטען. אויב אַלבערט וועט מיר נישט געבען קיין עהרליכען נאָמען, וועט ער עס נישט איבערלעבען.

ס י ס י ל י ע : האָטט געהערט אַזאַ פרעכהייט פון אַ דיענסט-מויד, מיין אַלבערט זאָל מיט איהר הייראַטען, אַזאַ חוצפה פון אַ אויסוואורף.

ס א נ י ע : מאַדאַם, עס איז מער חוצפה, ווען אַ פרוי קויפט זיך אַ מאַן פאַר געלד. איך וויל אַז איהר זאָלט וויסען, אַז נישט מיט אייער שעהן פנים׳על האָט איהר געוואונען אַלבערט׳ן נאָר מיט אייער רייכטום; נישט אייערע עדעלע, געפּאַטשקעטע מאַניערען, נאָר אייערע בריליאַנטען האָבען פערבלענדעט זיינע אויגען; נישט אייער זיס שמייכעלע, נאָר אייער שאַמפּאַניער האָבען איהם פער׳שיכור׳ט; נו, יעצט ווען איהר ווייסט אַלעס און איהר ווילט איהם פאַר זיך, דאַן זענט איהר טויזענד מאָל מעהר אויסוואורף ווי איך בין, ווייל איהר פערלאַנגט דעם מאַן. אָבער זיין ליעבע, זיינע געדאַנקען, זיין האַרץ זענען געווען און וועלען אייביג פערבלייבען פאַר מיר.

ס י ס י ל י ע : זיין ליעבע?... כאַ-כאַ-כאַ!... צו אַזאַ פרוי, ווי דו ביזט, איז די ליעבע נאָר אַ גיפט, אַ אונזין, אַ דורשט...

ס א נ י ע : עס איז אַ ליגען, אַ ליגען זאָג איך!... ווען ער האָט מיט מיר גערעדט, איז זיין יעדעס וואָרט געווען זיס ווי האָניג, זיין בענעהמונג מילד און עדעל, ווען ער האָט מיך געדרוקט צו זיין האַרץ, האָט ער מיך גערופען דאָס לעבען פון זיין לעבען. צו אייך וועט ער עס אָבער גאַנץ אַנדערש זאָגען. ער וועט אייך נאָר שטענדיג קענען זאָגען: מיין גאָלד מיין בריליאַנט, מיין פערעל...

ס י ס י ל י ע : כאַ-כאַ-כאַ... ווי איך זעה, ביזטו אַנ׳אונערפאַהרען, אונגעבילדעטעס מעדעל און דאַרום וועל איך דיר ערקלערען

ווי די וועלט פיהרט זיך, איבערהויפט ביי אונז רייכע. מיר ווייסען גאַנץ גוט, אז אונזערע מענער האָבען מעטרעסען... אָבער, דאָס קימערט אונז גאַנץ ווייניג. וואָס קען מיך אַרען ווען אַ נאַריש מעדעל אָפּפערט איהר עהרע פאַר מיין מאַנ'ס ליעבעס ערקלערונגען... פיהלט דען דאָס נאַרישע מעדעל, אַז זי איז נישט מעהר ווי דעם מאַנ'ס אַ שפּיעלצייג, און ווען עס פערגלוסט זיך איהם צוברעכט ער עס און וואַרפט עס אַוועק, און וואָס איז דער סוף? אַ טרויעריגע וואַרפט זי זיך אין שמוץ און שטאַרבט... אַלע פערבייגעהער ווענדען זיך אָב מיט עקעל און זאָגען: צום טייוועל זאָלען געהן די אויסגעלאַסענע פרויען...

סאַניע: איך קען נישט מאָלען מיט אַזעלכע שעהנע פאַרבען די צוקונפט פון די אויסגעלאַסענע פרויען. איך ווייס נאָר, בעפאָר איך בין געוואָרען אַלבערט'ס, האָב איך נישט געוואוסט אַזוי פיעל פון מענער, ווי איהר, זייענדיג אַ מעדעל, ווייסט... ס'קען זיין מיין ענדע איז אַ טרויעריגע, אַ שמוציגע, אָבער, איז דען נישט אייער גאַנצעס לעבען אַ שמוציגערער? ווער איז מעהר שמוציגער, די אָרימע אומגליקליכע, וועלכע פערקויפט איהר קערפּער, כדי צו דערהאַלטען איהר לעבען, אָדער די רייכע וואָס קויפט זיך דעם מאַנ'ס קערפּער פאַר געלד? ווער איז מעהר אויסגעלאַסענער, די אָרימע אומגליקליכע, וועלכע ליעבט און געטרויט, אָדער די רייכע וועלכע האָט נאָר דעם מאַן פאַר אַ שילד, פאַר אַ מאַנטעל, אום זי זאָל זיך קענען פריי באָדען אין שמוץ און אין זינד. כלה, איך וויל זעהען אייער חתן!

סיסיליע: שמוציגע פרוי, אַרויס פון מיין הויז, אָדער איך רוף באַלד די דיענער און זיי וועלען דיך אַרויסוואַרפען.

סאַניע: איהר קענט רופען וועמען איהר ווילט. איך וויל אַז אַלע זאָלען וויסען דעם אמת.

סיסיליע: עס איז דיין גליק וואָס דאָרט זענען דאָ געסט. אַלבערט! מר. ליעבהערץ!

אלבערט

אלבערט: האָסט מיך גערופען, סיסיליע?
סיסיליע: דיעזע ליידי...
אלבערט: סאָניע דאָ?!...
סיסיליע: איך האָף, אז איהר וועט עס מאכען בקיצור. (אָב)
סאניע: א שעהנע נאכט הייגט...
אלבערט: יא...
סאניע: אַ פערגעניגען אין אַזאַ נאכט חתונה צו האבען אין אזא רייכטום, אונזער חתונה איז געווען אַ חתונה פון הערצער פון נשמות, און דאָ איז אַ חתוגה פון גאלד... איך דענק, אז איך האב שוין מעהר נישט וואס צו זאגען. איך האב אייך געזעהן, מעהר האב איך נישט געוואָלט. א גוטע נאכט! (גע מט זיין האנד) איך האב אייך נאר געוואלט זאגען אז איך וועל אין גיכען ווערען אַ מוטער פון אייער קינד, זאלט איהר רחמנות האבען אויף...
אלבערט: אה, גאט מיין גאט, איך וועל ארויס פון זינען, (וויינט)
סאָניע: אלבערט איהר וויינט?
אלבערט: יעס. און איך וועל עביג וויינען וואס איך האב פערזינדיגט אזא מלאך ווי דו ביזט, סאָניע איך וועל דיך שטיצען ווי לאנג איך וועל לעבען. דו פערשטעהסט, די אומ-שטענדען זענען געווען אַזעלכע: דו ביזט פערשווינדען, מיין מוטער'ס לאגע איז געווען שרעקליך, און איך האב אָהן געלד גאר נישט געקענט דערגרייכען, דו ביזט יונג און שעהן איך וועל דיר געבען אַ גרויסע סומע געלד, פאהר צוריק מיט דיין פא-טער אין דענווער, אדער נאך ווייטער און לערען זיך מיך צו פערגעסען, און אפשר וועסטו נאך ליעבען אַ צווייטען.
סאניע: איך האב געליעבט און ליעב איינעם דעם פאטער פון מיין קינד.
אלבערט: איך בעט דיך סאניטשקע זאל זיין גענוג צו רעדען.
סאניע: ווי אזוי זאל איך אויפהערען צו רעדען ווען דו געהסט אונטער דער חופה מיט אַ צווייטער פרוי.

אלבערט: סאניטשקע איך בעט דיך בעהערש זיך, די ביזט דאך אַ קלוגע לאָ׳מיר פערמיידען אַ סקאנדאל.

סאניע: איז דאס ביי דיר אַ סקאנדאַל? און דאן ווען דו האסט מיך פערגיפטעט מיט דיינע ליעבע, זיסע רעד, אז איך בין דיין אידעאל, דיין הייליגטום. אז איך בין געשיקט געווארען פון הימעל דיך גליקליך צו מאכען. און ווען דו האסט אויסגע־ניצט מיין יוגענד, מיינע פיבערישע געפיהלען צוליעב מיין שוואכקייט האסטו מיך פעראונגליקט אויף אלע מיינע יאהרען און יעצט הייסטו מיך פערמיידען אַ סקאנדאל? די ווילסט פערדריכטען דיין פעהלער, אדער עס וועט זיין א סקאנדאל.

בענדער

בענדער: וואס איז? וואס שרייט מען דארט? אַהאַ, דאס איז די סחורה, אלבערט קום, סיסילקע...

סאניע: (שטרעקט אויס די הענד, אלבערט האט רחמנותן (פאלט צו זיינע פיס).

בענדער: מאדאמקע איהר וועט אזוי גוט זיין ארויסוואַרפע, זיך אויף יענער זייט טהיר, אַ גוטע נאכט. (אפארט), ניש׳קשה פון א בחור׳טע, (ביידע אָב).

הערי

הערי: (קוקט זיך צו).

סאניע: קיינער וויל נישט רחמנות האבען אויף די אונגליקלי־כע פערפיהרטע, און דעם מענשען האב איך געטרויט אלעס הייליגעס? וואס קען זיין מיין סוף? יא, אזוי מוז עס זיין, אַ סוף מאכען און בעפרייט ווערען פון אלע ליידען: (וויל זיך סמ׳ען).

הערי: (כאפט איהר האנד) אַ נאר שטארבט און אַ קלוגער לעבט, און לעבט דוקא אַ גוטען טאג.

סאניע: (דערשראקען) ווער זענט איהר?

הערי: ווער איך בין? איך בין א בויטשיק, איך בין יעצט דיין מלאָך, יא, טייערעס מעדכען איך האב אלעס געהערט, איך וויס אלעס, שטארבען גאר? איבער אזא קלייניגקייט? ווייסט איהר שעהנע ליידי וואס דאס לעבען בעדייטעט פאר אזא

יונגע פרויענצימער ווי איהר זענט? די פרוי מוז נקמה נע־
מען פון איהר פערפיהרער.

סאניע: נקמה, ווען איך זאל נאר קענען נקמה נעמען פון מיין
פערפיהרער.

הערי: איך וועל אייך העלפען.

סאניע: ווער זשע זענט איהר?

הערר: ווער איך בין? איך בין פרעזידענט איבער אלע יונגע...
איך בין אזוי אבגענארט געווארען ווי איהר, ווילסט נקמה
נעמען, פאלג מיך וועטעס זיין אלרייט, דו ביזט שוין
ער ליעבט דיך, און אלעס וואס דו דארפסט טהון איז
אנצינדען אין איהם די אייפערזוכט, דאן קען זיין די
נקמה א גרויזאמע, א זיסע.

סאניע: איך פערשטעה אייך נישט.

הערי: ערלויבט מיר אייער אויער: (רוימט איהר איין) (זי
שפרינגט אב).

סאניע: אוועק פון מיר, איהר זענט א טייוועל.

הערי: א טייוועל, האב איך דען הערנער?

סאניע: וואס, אפענטליכע פרוי זאל איך ווערען?

הערר: ווער האט אייך דען געזאגט א גאסען פרוי? נאר אלטע
בעזאפענע טרויען האנדלען מיט זייער שענהייט אויף דער
גאס, פאר אזא יונגע, שעהנע פרוי ווי איהר זענט זענען דא
געניג שעהנע פאלאצען, מיט א פינטעל פון אויג קענט איהר
צו ברעכען מענערשע הערצער, איהר קענט זיין פערציערט מיט
דימאנטען און ברילאנטען, פרוי טראכט נישט קיין סך און קומט
מיט מיר איך וועל אייך ווייזען דעם וועג צום לעבען און
גענוס פון לעבען.

סאניע: בעסער דער טויט.

הערי: אויב איהר מיינט שעהנע פרוי אז איהר וועט דער מיט
אייער פערפיהרער שמערצען פערשאפען האט איהר א טעות, אז
מען שטארבט איז מען טויט, בעגראבען פערגעסען. אבער אז
מען לעבט דערלעבט מען אלעס, קומט, איהר געהט? אין א
אויטאמאביל וועלען מיר פאהרען, איהר געהט?

סאניע: יעס! יעס! געהן לעבען און געניסען פון לעבען, פונקט ווי ער, איך וועל איהם זאגען אז איך קען אויך אזוי רייך זיין ווי ער, אָ, די נקמה ווי זיס, ווי טייער דו ביזט! (געהט).

ירוחם

ירוחם: אומגליקליכע וואוהין ווילסטו געהן?

סאניע: טאטעניו, שטעה מיר נישט אין וועג. לאז מיך געהן, נקמה וויל איך נעהמען.

ירוחם: יונגערמאן, אויב אייער לעבען איז אייך ליעב, זאלט איהר זי צו רוה לאזען.

הערי: איך... ע... ווער? וואו בין איך דאָ ארייגעפאלען (אָב).

ירוחם: קינד מיינ׳ס, טאכטער מיינע ביזטו פון זינען? וואס ווילסטו טהון? ביזטו נאך ווענינ געזינקען?

סאניע: טאטעניו, לאז מיך געהן, איך מוז זיין אזוי רייך ווי ער, רייך! רייך! איך וועל זיך פערקויפען ווי ער פאר געלד, ער ליעבט מיך יעס. און דאס וועט איהם קרענקען, ער וועט ביי מיינע פיס ליגען, לאז.

ירוחם: מענשען ראטעוועט מיין קינד! (מ׳הערט ווי דער חזן איז מקדש. זי לויפט צום טהיר, פאלט).

סאניע: טאטעניו איך וועל משוגע ווערען, אוי, מיין הארץ. (חלש׳ט)

ירוחם: געוואלד מענשען, ראטעוועט מיין קינד!...

כאָרהאנג.

דריטער אקט.

א געריכט. אַ שרייב טיש. פאליסמאן שלאפט.

הערריי קומט.

הערריי: (צום פאליסמאן) העלאָ בילי, דער ריכטער איז נאָך נישטאָ?
מען האט היינט צוגענימען פון מיינע ליידיס 6 שטיק,
איך וויל לעגען קויציע, שרייבט: הערריי ציימענס וואָרט איז
אזוי גוט ווי געלד, איך האב גענוג אייגען געלד. אין דער
צייט פון די וואהלען דארף מען מיך נישט שיקען ריפען איך
בין שטענדיג אויפ'ן פלאץ. שטיל אין געריכט, נישטאָ
קיין ביזנעס, אַ פרום שטעדטעל געווארען נוי-יארק, נישטאָ קיין
קליינע גנבים אלע גרויסע, ביזט שוין פערטיג?

קלערק: איך בין פערטיג. (גיעט איהם אַ פאפיר)

הערריי: טיינק יו העוויו אַ סיגאר (צום פאָליסמאן) היי בילי,
וועלכער ריכטער איז היינט דאָ?

קלערק: אלבערט ליעבהערץ.

הערריי: ריכטער אלבערט ליעבהערץ? איך קען איהם: אַ קלוגער
מאן, ריכטער? שנעל זיך ארויף-געארבייט, מיר זענען שטיקליך
אייגענע.

קלערק: אייגענע? ווי אזוי?

הערדי: זיין ווייב און איך זענען זעהר נאָהנטע פריינד, יעס... יעס...

קלערק: אקוזינע געוויס?

הערדי: וועל, נאך אַ ביסעל נעהנטער. נאר וואס איז דער אונ־טערשיעד! גוד ביי איך וועל באַלד זיין צוריק. (געהט)

בענדער (שלאגט זיך אָן אין הערדי׳ן)

הערדי: לאזט פריי דעם וועג.

בענדער: וואס? איך דער שוועך פון דעם ריכטער!

הערדי: אַלאָ מ״ר בענדער, איהר האט מיך נישט דערקענט?

בענדער: יאָ, איך האב דיך דערקענט מיין טאכטער׳ס געוועזע־נער שמייסער... שאפער מיין איך.

הערדי: יאָ דאס בין איך אייער טאכטער׳ס געוועזענער שאפער און יעצט מ״ר הערדי ציימענס אלדערמאן. וועל, וואס מאכט אייער טאכטער?

בענדער: זי איז אָלרייט...

הערדי: איך האב זי שוין אַ צייט נישט געזעהן, זי לעבט נאך מיט דעם זעלבען? איך האב געהערט אַז עס איז צרות, מען דארף איהר אבשטאטען אַ וויזיט.

בענדער: די שטאט איהר ווענינער וויזיטען יעצט אָב, הויב זיך נישט אָן מיט איהר.

הערדי: איך וויים, זי איז אַ גבאי׳טע. אזוי זענען זיי אלע ווייבער: אין דער יוגענד זענען זיי לאַ־לאַ־לאם, און אויף דער עלטער ווערען זיי פושקע גבאי׳טעס, גוד ביי מ״ר בענדער. טאַ־טאַ־טאַ (אָב)

בענדער: גערה און ברעך אַ פוס. (געהט צו קלערק׳ען)

פאליסמאן: וואוהין? (לאזט איהם נישט געהן)

בענדער: וואָס איז דער מעהר מיט דיר, וואָס פערהאַלטסט מיך דו ווייסט אַז איך בין?...

פאליסמאן: סידאון!... פליס סידאון!

בענדער: איך דארף דעם ריכטער!

פאליסמאן: סידאן!

בענדער: וואס איז דען מיט אייך? פאר וואס שטיפט איהר מיך? איך האב אזא רעכט ווי דאס גאנצע געזייכט. איהר דארפט מיר דאנקען דער פאר וואס איך האב אייער ריכטער געמאכט פאר מיין געלד.

פאליסמאן: סידאן... סידאן...

אלבערט

(קומט און זעצט זיך ביי'ם שרייב טיש)

בענדער: אלא! (וויל געהן) סיי וואס איז דער מער מיט איהם? דער ריכטער איז דאך מיין איידעס.

אלבערט: (קלינגט) לאזט איהם צו אהער.

בענדער: נו, ווער איז א נאר איך צו דו?...

אלבערט: וועגען וואס זענט איהר געקומען?

בענדער: מיין טאכטער... דיין ווייב... עס איז נישט שעהן!...

אלבערט: דא איז א געריכט, דא פערהאנדעל איך נישט מייגע פאמיליען אנגעלעגענהייטען, איך האב א הויז ביי מיין מוטער.

בענדער: יעס, אבער אז מען דארף דארף מען, אין אז מען האט א ווייב דארף מען זיין נעבען ווייב, פערשטעהסטו מיך? איך האב פיינד א סך צו זאגען, איין ווארט און גענוג. זי איז מיין טאכטער, זי איז קראנק, עס איז נישט שעהן, שוין 2 וואכען ווי דו ביזט אין דער היים נישט געוועזן. איך האב פיינד א סך צו טענה'ען, ביי מיר איז א רעד אב און באס-טא... שא...

אלבערט: איך בעט אייך, נישט יעצט איז די צייט צו רעדען און נישט דא איז דאס ארט דערצו (צו קלערק'ען) וועלכער איז דער ערשטער פראצעס, פאליסמאן! ברענגט די געפאנגענע.

בענדער:ווארט א מינוט, אז איך בין שוין דא האב איך א פראצעס, איך דארף האבען 8 ווירא'קען גיעב מיר א שריפט זיי מא'רגען ארויס צו ווארפען.

אלבערט: דאס געהער נישט צו מיר, איך פערנעם זיך נישט מיט אזעלכע זאכען.

בענדער: ריכטעריל, וואס, דו ווילסט מיר, דיין שוועך, נישט געבען וואס איך דארף? סע מ״ר... מיט מיר מאכט מען נישט קיין מאנקע ביזנעס, עס זאל מיר שוין ווערען 8 ווירעקען.

אלבערט: פאליסמאן, ברענגט דעם צווייטען פראצעס.

פאליסמאן: גענוג.

בענדער: וואס גענוג? אלבערט איך וויל האבען די ווירעקען.

אלבערט: איך האב אייך שוין געזאגט אז דאס געהערט נישט צו מיר.

בענדער: עס איז נישט דיינע ביזנעס? צו וואס האב איך דיך געמאכט פאר א ריכטער, אלבערט! איך האב פיינד א סך צו רעדען.

אלבערט: איך בעט אייך עס איז נישט שעהן פאר מענשען.

בענדער: נישט שעהן? וואס הייסט נישט שעהן ווער מיינסטו בין איך? פערגעס נישט אז דו הויבסט זיך אן מיט בענדער׳ען, איך קויף דיך מיט אלע ריכטערס, מיט אלע לויער׳ס פון גאנץ ניו-יארק.

אלבערט: פאליסמאן, פליס פיהרט איהם ארויס.

בענדער: וואס, וואס זאגסטו ריכטעריל?...

אלבערט: אויב איהר וועט נישט שווייגען, וועל איך אייך בע־שטראפען.

בענדער: ניע סטראשי באבא...

אלבערט: 200 דאלאר אינדען קאסט.

בענדער: 200? דא איז 400 און זיי וויסען, אז איך פייף אויף דיר, מ״ר ריכטער.

אלבערט: 10 טעג ארעסט, פאליסמאן נעמט איהם צו.

בענדער: 10 טעג ארעסט? אלבערט ביזט משוגע געווארען?

אלבערט: פאליסמאן, פיהרט איהם אראב אין קאמער איך שפארט איהם איין.

פאליסמאן: קאם-אן, קאם-אן.

בענדער: וואָס, אויף דעם רעכטען אמת טאקע, אויב אזוי וועל איך דיר ווייזען, איך וועל דיר געבען א לעקציע.
אלבערט: שווייגט בעסער, וואָרים איך פערשיק אייך אויף 6 מאנאטען קאטארגע.
בענדער: אָלרייט, איך שווייג, אבער מיין טאכטער זאל דאס באלד וויסען.
פאליסמאן: קאָם־אָן. (שלעפט איהם)
בענדער: איך וועל אליין געהן, איז דאס דער וועג צום קאָמער? ווארט דו וועסט מיך געדענקען! (אָב)
אלבערט: וועסט איהם האלטען אַ פאר שעה און דאן זאל מען איהם בעפרייען.
פאליסמאן: אָלרייט. (פאליסמאן אָב)
אלבערט: נעקס פראצעס.

הערי

הערי: (געהט צו קלערק׳ען) וועל, (צו אלבערט׳ען) יאָהאנאר, איך גיעב קויציע פאר 6 ליידיס וועלכע זענען דורך אַ טעות ארעסטירט געוואָרען, איך קען זיי אלע אַלס אנשטענדיגע ליידיס. פאר זיי לעג איך קויציע. יונא.
אלבערט: איהר גיעט די לעצטע צייט צו פיעל קויציע, מען קען אייערע פאפיערען נישט אָננעהמען איבערהויפט וויל איך די פרויען פערהאלטען פאר דעם גרעסערען געריכט.
הערי: אָ... דעט... רייט (אָב)
אלבערט: נעקס פראצעס.

ירוחם פאָליסמאַן

פאליסמאן: ער האט גע׳גנב׳עט א ברויט פון א בעקער.
ירוחם: (דעם קאפ אראָב געלאָזט) אמת... אמת... איך האב גע׳גנב׳עט. איך האב גע׳גנב׳עט פאר מיינע קינדערלעך, אָרימע יתומים׳לעך... שוין פון 6 חדשים ווי איך האב נישט פערדיענט קיין פעני, די צדקה חברה׳ס האבען זיך שוין אָבגע-

זאגט צו שטיצען. איך האב שוין מעהר נישט געקענט צו זע־
הען דעם צער פון מיינע ארימע הונגעריגע יתומים'לעך און
איך האב גע'גנב'עט.

אלבערט: וואס איז אייער פרנסה?

ירוחם: א ביגלער... א פרעסער.

אלבערט: וואו וואוינט איהר?

ירוחם: אין טשערע סטריט № 431

אלבערט: וויפיעל קינדער האט איהר?

ירוחם: איך האב געהאט 6 זענען 2 געשטארבען פון שווינד־
זוכט, מיין עלטערע טאכטער, די איינציגע שטיצע מיינע, איז
שוין זייט 6 יאהר פערשוואונדען, מיט די 3 קליינע קינדער
בין איך איבערגעבליבען אלע שוואכע, קראנקע.

אלבערט: (ווישט א טרעהר) איהר זענט פריי, אלטער געהט
א היים.

ירוחם: א שעהנעם דאנק אייך. (וויל געהן)

אלבערט: ווארט, אט האט איהר 5 דאלאר געהט א היים און
קויפט אייערע קינדער עסען, שעמט אייך נישט גוטער אלטער.
(דערקענט איהם) ירוחם?...

ירוחם: הא?... איהר קענט מיך? (קוקט אויף איהם) אלבערט
ליעבהערץ, איהר א ריכטער? (ווארפט דאס געלד) אייער געלט...
ניין! ניין! קיין מאהל נישט. (אב)

פאליסמאן סאניע (שכור)

סאניע: אלא עוורי באדי.

פאליסמאן: קאם־אן, קאם־אן.

סאניע: הלא סוויטארט!

פאליסמאן: קאם־אן, אהער צום ריכטער.

סאניע: אט, אל רייט, איך וויס שוין ווי מען דארף שטעהן
פאר א ריכטער, איך בין שוין נישט איין מאל געשטאנען
פאר א ריכטער.

אלבערט: אייער נאמען.

ס א נ י ע : וועלכען? איך האב אזוי פיעל, אז איך האב קיין נאָ־מען נישט.

א ל ב ע ר ט : וואס איז אייער בעשעפטיגונג?

ס א נ י ע : יונאה.

א ל ב ע ר ט : ווי אלט זענט איהר?

ס א נ י ע : א אנשטענדיגע פרוי איז שוין לאנג א מוטער פון 4-3 קינדער, און איך? איך האב געהאט איין קינד און עס איז נישטאָ, טויט!

א ל ב ע ר ט : זענט איהר שוין אמאָל געווען ארעסטירט?

ס א נ י ע : איך האב נישט אזוי פיעל האָר אויפ'ן קאָפּ. איין מאָנאט אין טורמע און איין וואָך פריי, אזוי מוטשע איך מיך און לעב אויף דער וועלט, מ"ר ריכטער! גיעט מיר איין מאָל פאר אלע מאָל ארויס אנ'אורטייל אין דעט'ס אָל.

א ל ב ע ר ט : א אינטערעסאנטע פערזאָן... איהר זענט א אויס־לענדערין?

ס א נ י ע : יעס, א רוסישע.

א ל ב ע ר ט : שוין לאנג אין לאנד?

ס א נ י ע : שוין 9 יאהר.

א ל ב ע ר ט : וואס איז אייער בעשעפטיגונג געווען בעפאָר...

ס א נ י ע : איך האב געדיענט.

א ל ב ע ר ט : ווי אַזוי קומט איהר צו דער יעצטיגער לאַגע?

ס אָ נ י ע : די אַלטע געשיכטע... א פערפיהרער... א אדוואָ־קאַט... געווען א גוטער מענש און... פּליז פערשיקט מיך אויף וויפיעל איהר ווילט און געסעטעלט די ביזנעס...

אַ ל ב ע ר ט (דערקענט זי) : סאָניע (זינקט שטיל).

אַ ל ע : וואָס איז אייך ריכטער?

א ל ב ע ר ט : גאָרנישט. איך לייד קאָפּ־וועהטאָג. פיהרט אַרונטער די אָנגעקלאָגטע און האַלט זי ביז מאָרגען. דעס'ט אָל.

ס אָ נ י ע : א נייער ריכטער, הא?...

פּ אָ ל י ס מ אַ ן : עוו יו א סיגאַרעטע? (ביידע אָב).

אַ ל ב ע ר ט (פויזע) : אַזוי ווי מעהר קיין פראָצעסען זענען יעצט נישטאָ, אלזאָ, שליסען מי' דאָס געריכט. יאָ. איך

האָב נאָך איניגע דאָקומענטן אַדורך צוזעהען. איהר קענט געהען (קלערק אָב). עס איז סאָניע!... זיי?... וועה, וועה, וואָס פון איהר איז געוואָרען... אַזוי געזונקען, אַזוי בעזאָפען, אַז זי האָט מיך נישט דערקענט... וואָס טהוט מען?.. ווי אַזוי ראַטעוועט מען די אומגליקליכע? יעס, מיט איהר מוז איך רעדען, אפשר וועל איך דאָך אומשטאַנד זיין זי צו ראַטעווען.

ס י ס י ל י ע

ס י ס י ל י ע: (אונטער די קוליסען): וואו איז דער ריכטער? (ער שיינט) וועל סער דאָס איז נישט שעהן, אייער אייגענעם שוויגער-פאָטער האָט איהר אייגעשפּאַרט.

אַ ל ב ע ר ט: ער איז נישט מעהר מיין שוויגער-פאָטער.

ס י ס י ל י ע: פאָרלויפיג זענען מיר נאָך נישט געטאַן...

אַ ל ב ע ר ט: אַלזאָ, גוט. איך וועל איהם בעפרייען (שרייבט) גיעט דאָס דעם פּאָליסמאַן וועט מען איהם בעפרייען.

ס י ס י ל י ע (נעמט דאָס פּאַפּיר): מיין אויטאָמאָביל איז אין דרויסען, ווילט איהר פאָהרען מיט אונז אַ היים? איך ווייס אַז איהר האָט פּאָלקאָם רעכט נישט צוקומען. עס איז נישט מיין שולד וואָס איך בין אַזאַ פרוי... עס איז אַזאַ בלוט... אַלבערט, ווען איהר זאָלט מיר נאָך דאָס איינע מאָל פערצייהען, קען זיין אַז איך וואָלט געוואָרען אַן ערליכע פרוי... איהר שווייגט? וועל, איהר קענט מיך אָנקלאָגען אויף יוגעט. איהר זענט אָבער צו גוט פאַר מיר, צו גוט... גוד בייד (אָב).

אַ ל ב ע ר ט (קלינגט): וואו איז די אומגליקליכע?

פּ אָ ל י ס מ אַ ן

פּ אָ ל י ס מ אַ ן: אין די ליידיס-אָבטיילונג.

אַ ל ב ע ר ט: וואָס טהוט זי?

פאָליסמאַן: זי וויינט און דערצעהלט איהר פערגאַנגענהייט.

אלבערט: פאָליסמאַן, רוף זי אַהער... די פרוי איז אַ אינטע־רעסאַנטע פערזאָן, זי שיינט צו געהערען צו די בעסערע סאָרט פרויען, מען קען זי נאָך ראַטעווען...

פאָליסמאַן: אָלרייט (אָב).

אלבערט: ראַטעווען זי... ראַטעווען זי פון אונטערגאַנג. דאָס מוז איך און דאָס וועל איך טהון. איך בין דער שולדיגער אין איהר יעצטיגע לאַגע... דורך מיר איז זי געזינקען... דורך מיר... יאָ, דורך מיר... (צעוויינט זיך).

פאָליסמאַן, סאָניע (אלבערט ווינקט ער זאָל געהן)

סאָניע: איהר דאַרפט מיך?... איהר ווילט מיך זעהן?... האָט איהר עפּעס געלד ביי זיך?

אלבערט: סאָניע! וואָס איז געוואָרען פון דיר, סאָניע

סאָניע: יעס. סאָניע הייס איך. איהר האָט מיך שוין אַמאָל ערגעץ געזעהן?

אלבערט: יעס. איך קען אייך זעהר גוט.

סאָניע: וואָס זשע אַ ריכטער געהט אייך אַהין? אָבער וואָס איז דער אונטערשיעד, איין שוואַרץ־יאָהר... וואָס דאַרפט איהר מיך, דאָרט זענען דאָ שעהנערע און יונגערע פרוי־ען פון מיר...

אלבערט: איך בעט דיך סאָניע. הער אויף צו רעדען...

סאָניע: אַך. פלעגען מיר דאָרט טאַנצען, זינגען, שפרינגען און טרינקען (טרינקט פון פלעשעל) איהר ווילט אַביסעל? דאָס איז זעהר גוטער שנאַפּס...

אלבערט: סאָניע, איך וויל מיט דיר רעדען וועגען...

סאָניע: עפּעס זענט איהר מיר יאָ בעקאַנט, נישט בעקאַנט... נאָר לאָמיר זיין געזונד (טרינקט)

אלבערט: איך בעט דיך סאָניע זאָל זיין גענוג געטרונקען.

סאָניע: איהר האָט מורא ס'וועט זיך מיר פיהלען פון מיל, וועל איך פערדרייכערען אַ סיגאַרעטעל וועט פון מיר שמע

קען פון פערפום (פעררויכערט. דערקענק איהם. גיעט אַ געשריי) אַ, דו, דו!... מיין מערדער!... מיין פערפיהרער!... דו מיין ריכטער?... (וואַרפט זיך שלאָגען. צעווייגט זיך)

אַלבערט: ווי גאָט איז אמת, ווי איך וויל דיך ראַטעווען, צוריק אויפהויבען צו דער שטופע צו וועלכער דו ביזט געשאַפען...

סאָניע: יעצט, יעצט האָט איהר געפונען אַ גאָט?... יעצט גלויבט איהר אין גאָט?... פאַרוואָס האָט איהר דאַמאָלסט נישט געגלויבט.... יעצט איז שוין צו שפעט...

אַלבערט. הער מיך אויס.

סאָניע: לאָזט מיך געהן... איך וויל נישט... איך וויל נישט קוקען אין אייער פערדאָרבען געזיכט!... לאָזט מיך געהן...

אַלבערט: סאָניטשקע! הער מיך אויס: גלויב מיר, סאָניע, איך האָב אַ סך געליטען פאַר מיין פערברעכען. פון היינט אָן און ווייטער וועל איך נישט רוהען קיין איין מינוט און קיין איין סעקונדע, ביז איך וועל נישט גוט מאַכען דאָס אַלץ, וואָס כ'האָב אַמאָל צובראָכען...

סאָניע: לאָזט מיך געהן, זאָג איך אייך, אָדער איך וועל אייך ערמאָרדען.

אַלבערט: איך בעט דיך בעהערש זיך, בערוהיג זיך...

סאָניע: איך דאַרף זיך נישט בערוהיגען. איך בין אַ אויסגעלאַסענע... אַ גאַסען־פרוי... און איהר זענט אַ ריכטער וואָס פרעדיגט מאָראַל... צו די רייכע געהט. געהט אייך צו לײדיס... פאַר מיר איז גענוג אַ פראָסטער מענש.

אַלבערט: סאָניע, דיינע ווערטער שניידען יעצט מיין ברוסט ווי אַ מעסער...

סאָניע: יעצט שניידט עס דיך... יעצט פיהלסטו אַז דו ביזט שולדיג אין אַלעמען, פאַרוואָס האָסטו דאַמאָלסט נישט, געפיהלט, אַז דו נעמסט אַ בלום און צוטרעטסט זי מיט די פיס... דו האָסט מיך גע'שוחט'ען און נישט דער'שוחט'ען... דיין קינד האָסטו ערמאָרדעט. איך בין געוואָרען אַ פרוי פאַר אַלעמען און דורך דיר... געה אוועק פון מיר, אָדער דענק־

כט׳, אַז איך בין שיכּור פיהל איך שוין גאָרנישט? פאַר יע-
דען בין איך אַ פרוי, אָבער נישט פאַר דיר... (וויינט) לאָז
מיך געהן אינ׳ם הייזעל... (וויינט שטאַרק) פּאָליסמאַן...

א ל ב ע ר ט : סאָניע, הער אויף צו וויינען, דו וועסט נאָך גליק-
ליך זיין. איך וועל דיר פאַר אַלע דיינע ליידען מיט פריי-
דען בעצאָהלען. יך וועל זיך פון יענער פרוי בעפרייען
און דיך וועל איך פאַר מיין געזעצליכע פרוי מאַכען.

ס אָ נ י ע : איך אַ געזונקענע... (וויינט. לאַכט) דיין פרוי?

אַ ל ב ע ר ט : דו קענסט לאַכען, דו קענסט זאָגען וואָס דו ווילסט,
דו קענסט מיך פעראַכטען... פערשפּאָטען... און איך וועל
נישט אויף געבען די האָפענונג דיך גליקליך צו מאַכען. סאָ-
ניטשקע, זיי מיר מוחל... (וויל זי קושען).

ס אָ נ י ע : בעריהר מיך נישט!... בעריהר מיך נישט!... (וואַרפט
איהם צו דר׳ערד. שרייט היסטעריש. וויינט. לאַכט) פּאָליס-
מאַן! פּאָליסמאַן! פיהרט מיך אין קערקער (געהט)

א ל ב ע ר ט (ליגענדיג אויף דר׳ערד): סאָניע! מיין סאָניטשקע...

פ אָ ר ה אַ נ ג.

פערטער אַקט.

(אַ צימער ירוחם זאגט תהילים.

ירוחם: למנצח...

דאקטאר

דאקטאר: ש-ש-שא... זייט רוהיג, זי שלאָפט. (אָב צי סאניען)

(מען קלאפט) חוה

חוה: נו וואָס הערט זיך? פיהלט זי זיך שוין בעסער?
ירוחם: איין גאָט אין הימעל ווייסט וואס פון איהר וועט ווערען
חוה: איז דער דאָקטאָר נעבען איהר? וואס זאגט ער איז איהר קרענק.
ירוחם; מ'שטיינס געזאגט, וואָס ווייסט אַ זינדיגער. מענש, נאָר איין גאָט אין הימעל ווייס וואָס פון איהר וועט זיין גאָטעניו איך בין אַנ'אַלטער' קראַנקער, צוּבראָכענער שאַרבען, און אויב דו דאַרפסט עמעצען צונעמען פון דער וועלט אַזוי נעם מיך צו און שענק מיין קינד דאס לעבען.

חוה: (וויינט) רעדט נישט אזוי ירוחם... גאָט וועט העלפען, מיין אַלבערט האט געשיקט נאך א גרויסען פּראָפעסאָר מיר וועלען אָנווענדען אַלעס וואָס נאָר איין אונזער מאַכט בכדי זי זאָל געזונד ווערען.

ירוחם: גאט ווייסט, גאט ווייסט (זאָגט תהלים).

חוה: זי וועט נאך פאר איהרע יסורים גליקליך זיין. מיין אלבערט איז יעצט אין געריכט היינט דארף ענטשידען ווערען אויב ער איז פריי אָדער נישט, לא׳מיר האפען צו גאָט אז ער וועט בעקומען א גט. קען איך זי זעהן?

ירוחם: אויב איהר ווילט... דער דאקטער האט אפיל שטרענג פערבאָטען אז מען זאָל צו איהר עמיצען צולאָזען.

חוה: נאָר א קוק טהון אויף... (עפענט דעם פּאָרטיער) גאָט אין הימעל דיין שטראָף איז צו גרויס, (ירוחם זאגט תהלים).

בענדער (פערענדערט).

בענדער: גאָט העלף, מ״ר ירוחם.

ירוחם: ווער זענט איהר? איהר דאָ ביי אַנ׳אָרימאַן אין שטוב.

בענדער: חייל איך האָב דאָ א סך צו טהון ווי זאָגט מען עס אויפן אַמעריקאַנערשען לשון אַז מען דארף דעם גנב שניידט מען איהם אָב פון דער תליה.

ירוחם: וועגען וואָס זענט איהר אהער געקומען?

בענדער: וועגען מיין טאָכטער׳ס מעשה, מיט איהר מאַן. ווי די מעשה איז, זי איז זיין געזעצליכע ווייב שוין 8 יאהר. ווי אַזוי זיי האבען געלעבט די גאַנצע צייט: צי ווי א מענש מיט א מענש, צי ווי א הונד מיט א קאַץ, איז קיינעמס עסק נישט, און יעצט ארבייט ער מעשים, ער וויל א גט. איך האָב גוטע אדוואָקאַטען דאָרט אין געריכט. איך וועל פייטען ביז בלוט. איך בין אָבער א מענש וואָס האָב פיינד א סך צו טענה׳ען, איך האָב ליעב ביזנעס. האָב איך בערעכענט, איך וועל אייך געבען 3000 דאָלאַר און פאַהרט אוועק מיט איהר.

ירוחם: מיר וועלען שוין פאָהרען אהן אייער געלד.

בענדער: וואוהין?

ירוחם: אין אַ בעסערען וועג, אין אַ וועלט וואו געלד האָט גאר קיין ווערדע נישט, זעהט וואָס אייער געלד האָט פון מיין קינד געמאַכט (עפענט די פאָרטיערען) אוי, וועה!...

בענדער: קאָן זיין ר׳ ירוחם אַז איך בין אַ שלעכטער מענש, אבער אַ הארץ האב איך, גאָט וועט העלפען, זי וועט געזונד ווערען. און אויב נישט וואָס קען מען טהון? מען מוז דאָך שטאַרבען, פריהער אָדער שפּעטער. וואָס איז די נפקה—מינה (מען קלינגט) דאָס איז מיין טאָכטער.

ירוחם: אויך זי?

בענדער: קום אַריין, טאָכטער.

סיסיליע (מיט׳ן קאָפּ געזונקען)

סיסיליע: נו, האָסט גערעדט?

בענדער: נישטאָ שוין מיט וועמען צו רעדען, זי שטאַרבט שוין.

סיסיליע: זי שטאַרבט? אוי ווי שרעקליך, ווי שרעקליך דאָס איז... קען מען זי זעהן?

דאָקטאָר (מיט א רעצעפּט)

דאָקטאָר: שיקט נאָך דער מעדעצין, אָבער פּאָרזיכטיג, גיעט אַכטונג. איהר צושטאַנד איז זעהר קריטיש. איך וועל שפּעטער דאָ ווידער זיין.

בענדער: הערר דאָקטאָר, איז זי טאַקע אַזוי געפעהרליך?

ד״ר: עס איז יעצט דער קריזיס, לאָמיר האָפען צום בעסטען...

בענדער: ד״ר, איז דאָ אַ האָפנונג אַז זי זאָל לעבען בלייבען?...

ד״ר: געוויס, געוויס! גוד-ביי (אָב).

בענדער: הייסט עס אַז ס׳איז דאָ אַ האָפנונג אַז זי זאָל

בלייבען לעבען. דאָס איז אַ קאַטאָוועס... איך וועל צו געהן אין געריכט צו זיי. גיעב וויפיעל מען וועט נאָר אַליין ווע־לען אַבי נישט פערליערען דעם פּראָצעס (אָב).

חוה

חוה: ר׳ ירוחם, זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און דער ד״ר האָט נישט געהייסען. וואָס טהוט מען מיט איהר....

סיסיליע: וואָס ווייסט א דאָקטאָר. מסתמא פיהלט זי זיך גוט.

חוה (דערזעהט זי): דו דאָ.... וועגען וואָס ביזטו געקומען?...

סיסיליע: וועגען ביזנעס...

ירוחם: אויב איהר ווילט אַזוי גוט זיין, בלייבט איהר דאָ און איך וועל געהן נאָך דער מעדעצין. נאָר למען השם זי נישט אראָבלאָזען פון בעט (אָב).

חוה: ווער איז שולדיג אין דעם אַלעם אויב נישט איהר!

סאָניע (אין די קוליסען): טאַטעניו, טאַטעניו, עפען די פאָר־טיערען!

סאָניע (מען פיהרט זי אַרויס. דערזעהט סיסיליען)

סאָניע: איהר?...

סיסיליע: איך בין געקומען בעטען, אַז איהר זאָלט מיר פערציייהען...

סאָניע: איך האָב שוין פון לאַנג יעדען מוחל געווען...

סיסיליע: איך האָב געוואָלט בלייבען מיט אייך אַליין (שטיל) אויב מעגליך איז נאָר אויף איין מינוט.

סאָניע: דאַכט זיך מיר, אַז איך דאַרף שוין נעמען די מע־דעצין.

חוה: וואו שטעהט זי דאָרט?

סאָניע: בעמיהט אייך נישט.

חוה: עס מאַכט נישט אויס, קינדעלע... עס מאַכט נישט (אָב)

סאָניע: זאָגט וואָס ווילט איהר!

סיסיליע: אייער הילף. זייט איהר האָט זיך צוריק געקעהרט, האָט מיין מאַן אָנגעגעבען אויף אַ גט. ער טהוט עס נישט אויס ליבּס צו אייך נאָר אויס רחמנות, ער וויל אייך געבען אַנ׳עהרליכען נאָמען. אָנפאַנגס, האָט עס מיר גאַנץ וועניג געקימערט, די לעצטע צייט אָבער... וואָס מעהר ער דערוויי־טערט זיך, אַלץ מעהר ליעב איך איהם...

סאָניע: איהר ליעבט?...

סיסיליע: אָ, סאָניע, איך האָב אַליין נישט געגלויבט, אַז איך וועל קענען אַזוי ליעבען, ווי איך ליעב איהם...

סאָניע: דענקט איהר, אַז איהר וועט איהם קענען זיין אַ טרייע איבערגעגעבענע פרוי, אַז איהר וועט איהם קע־נען היילען זיינע וואונדען?...

סיסיליע: יעס!...

(חוה הערט זיך צו)

סאָניע: געהט אַ היים און זייט גאַנץ רוהיג. איך וועל איהם ביי אייך נישט צו נעמען. געדענקט אָבער, זייט איהם איבערגע־געבען. ליעבט איהם עהרליך, ערענסט. געהט...

סיסיליע: אָ, ווי קליין איך בין יעצט ביי אייך אין די אוי־גען. ווען איהר וועט דאַרפען הילף, שיקט צו מיר, ווי אַ אייגענע שוועסטער וועל איך אייך בעהאַנדלען, אומגליקליכע שוועסטער מיינע (קושט זי׳)

חוה

חוה: איך פרעג דיך אַליין, האַנדעלסט דו נישט ווי אַ נאַריש קינד מיין אַלבּערס האָט שוין אַ גט אַזוי גוט ווי אין קעשענע, וועט דיר דען עפּעס פעהלען ביי איהם! דו ווער נאָר גע־זונד, וועלען מיר פראַווען אַ חתונה און איך וועל האָבען נחת פון אייךביידען, איהר וועט האָבען קינדערלעך און מיר אַלע וועלען גליקליך זיין.

סאָניע: אַך, וואָס פאַר אַ שעהנע, זיסע חלומות דאָס זענען אָבער נישט מעהר ווי חלומות. (כאַפּט זיך ביי׳ם האַרצען)

חוה: וואָס איז דיר!
סאָניע: ווער איז אַריינגעקומען!
חוה: סאָניטשקע, וואָס רעדסטו, עס איז דאָך קיינער נישטאָ.

אלבערט

אלבערט: סאָניטשקע, דער ד"ר האָט דאָך געהייסען, אַז דו זאָלסט ליעגען אין בעט.
סאָניע: עס מאַכט נישט, איך פיהל זיך אַזוי פיעל בעסער...
חוה (שטיל): נו, וואָס הערט זיך!
אלבערט: שאַ... שאַ... לאָז אונז יעצט אַליין.
חוה: געבען אַ ביסעל מילך? (אָב).
אלבערט: סאָניטשקע, פיהלסטו זיך שטאַרק גענוג צו הערען אַ גוטע בשורה!...
סאָניע: אַ גוטע בשורה פאַר מיר!...
אלבערט: פאַר אונז ביידען (נעמט ארויס אַ פאַפיר) דאָס איז אַ גט און איך בין פריי...
סאָניע: אַך!... (כאַפּט זיך ביי'ם הארץ).
אלבערט: וואָס איז דיר, סאָניטשקע!...
סאָניע: גאָר נישט... נאָך וואָס האָסטו דאָס געטהון!...
אלבערט: צוליעב דיר, סאָניע. איך האָב בעשלאָסען נאָך היינט חתונה צו האָבען... איך האָב בעשטעלט דעם חזן ער זאָל אַהער קומען, און אָט איז אַ קידושין-רינג...
סאָניע: דאָס וועט קיינמאָל נישט געשעהן... איך אייער פרוי וואָס קען איך ביי אייך ערוואַרטען?... אויף שריט און טריט וועט אייך אַלץ דערמאָהנען, ווער איך בין געווען... איהר וועט ליידען דערפון זעהר פיעל... און איך וועל אייך זיין אַ שווערער לאַסט... אַלבערט! איך בין שוין פאַר דער צייט אַנ'אַלטע אָבגעלעבטע פרוי... דו, אָבער, ביזט נאָך יונג... קענסט נאָך גליקליך זיין... דיין פרוי ליעבט דיך...
אלבערט: רעד נישט מעהר פון איהר, זי איז נישט מעהר מיין פרוי...

סאָניע: זי ליעבט דיך אָבער זעהר...
אלבערט: און דו ליעבסט מיך נישט... ווילסט נישט גליק־ליך זיין?...
סאָניע: אַלבערט, דאָס גליק איז צו שפּעט געקומען...
אלבערט: גאָט איז מיט דיר, וואָס רעדסטו?...
סאָניע: איך פיהל די ענדע... דעם סוף...
אלבערט: סאָניע, רעד נישט אַזוי. מאַמע, שנעל אַ דאָקטאָר.

ירוחם (מיט דער מעדעצין) חוה (מיט מילך)

חוה: וואָס איז, אַלבערט!...
ירוחם: וועה איז מיר, סאָניטשקע, וואָס האָסטו געטהון?... וואָס ביזטו אַראָב פון בעט!...
סאָניע: ש־ש־ש... עס איז מיר יעצט גוט... איך פיהל זיך יעצט גליקליך... ווילסטו מיך נאָך גליקליכער מאַכען, ווי איך בין?...
אלבערט: געוויס, וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע....
סאָניע: איך וואָלט אַזוי גערען וועלען שטאַרבען אַנ'עהרליכע פרוי...
אלבערט: דו וועסט לעבען און גליקליך זיין...
סאָניע: אין לעבען קען איך שוין גאָרנישט זיין (שטיל) אַל־בערט איך שטאַרב...
אלבערט: שנעל לויפט נאָך אַ דאָקטאָר.
ירוחם: באַלד, באַלד... אָבער נעמט צו די מעדעצין.
סאָניע: געה נישט אַוועק... איך וויל זיך מיט דיר געזעגענען...
ירוחם: אוי, וועה צו מיינע אַלטע יאָהרען...
סאָניע: אַלבערט, ווילסטו מיר אָנטהון דאָס קידושין־רינגעל... אָבער מאַך עס שנעל...
אלבערט: הרי את מקודשת...
סאָניע: אַלבערט, מיין מאַן, זיי געזונד און גליקליך... (סצענע שטאַרבט).
אלבערט: מיין געליעבטע פרוי, מיר האָבען נישט געקאָנט

גליקליך זיין אויף דער וועלט... אויב עס איז דאָ אַנ'אַנדע־
רע וועלט וועלען מיר דאָרט גליקליך זיין (טרינקט אויס גיפט).
חוה: אַלבערט, וואָס האָסטו געטהון?
ירוחם: אוי, טרעהרען שטיקען איהם.
אַלבערט: שאַ־שאַ־שאַ צו שפעט, צו שפעט (שטאַרבט).

פאָרהאַנג.

ענדע.